UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 13- January 1958 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/9573b41h

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 13(1)

**Publication Date**
1958

**Copyright Information**
Copyright 1958 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

# 13

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

און

שרייבער קרייז „בוך און לעבן"

טבת, תשי"ח — יאַנואַר 1958

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט:


י. פ.: צום 50־יאָריקן שאַפן פון ה. לייוויק . . . . . . . . . . . . . 3

ה. לייוויק: „אויפן אָקעאַן" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . 5

מלכה ח. טוזמאַן: „לייוויק דער גלויבער אין מענטש" . . . . . . 6

וו. נאַטאַנסאָן: „שיקזאַל אין ה. לייוויקס דיכטונג" . . . . . . . . 12

אלטער עסעלין: „פון דעם וואָס מ'לאַכט" (ליד) . . . . . . . . . . 19

י. פרידלאַנד: „מסירת־נפש" (דערציילונג) . . . . . . . . . . . . 20

אהרן ניסענזאָן: „מעשה בראשית" (ליד) . . . . . . . . . . . . 25

נח גאָלדבערג: „אמר רבי אליעזר" (דערציילונג) . . . . . . . . . 26

לוי גאָלדבערג: „אַ חלום" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . 32

מ. פערעלמוטער: „די ערד לעכצט נאָך שלימות" (רעצענזיע) . . . . . . 33

פּינטשע בערמאַן: „אַלע מענטשן זיינען גוט" (ליד) . . . . . . . . . 38

„איך און דו" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . 39

ז. בונין: „נאַקטורן" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . . . 39

ברכה קודלי: „פרי־וועיס" (ליד) . . . . . . . . . . . . . . 40

יעקב זינגער: „אויפן שוועל" (איינאַקטער) . . . . . . . . . . . 42

א. כראַבלאָווסקי: „בילדלעך פון יידישן אַמעריקע" . . . . . . . . . 49

יצחק ניומאַן: „די חשמונאים ביכער" (עסיי) . . . . . . . . . . 51

* . . . ליטעראַרישע נאָטיצן . . . . . . . . . . . . . . . 54


---

# "CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)


רעדאַקציע ראַט: וויליאַם נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג

מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

מכוח ענינים פון שרייבער קרייז „בוך און לעבן", ווי אויך די באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט ווענדעט זיך צו אונדזער סעקרעטאַר:

A. CHRABOLOWSKY, 1312 Lyman Pl. Los Angles 27, California



# צום פופציק-יאָריקן שאַפן פון ה. לייוויק

צו דער פייערלעכער געלעגנהייט פון דעם פופציק־יאָריקן שאַפן פון אונדזער באַרימטן דיכטער און דראמאטורג ה. לייוויק, ווידמען מיר דעם היינטיקן נומער „חשבון”.

מיר ווילן ציען דעם אויפמערק פון אונדזערע לייענער צו די צוויי אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען וועגן לייוויק׳ס שאַפונג. איינע פון אונדזער טאַלאַנטירטער דיכטערין, מלכה טוזמאַן — „לייוויק דער גלויבער אין מענטש”, און די צווייטע פון אונדזער חשובן עסייאיסט און קריטיקער וו. נאַטאַנסאָן — „שיקזאַל אין לייוויק׳ס דיכטונג”.ביידע קרנדיקע בייטראגן, הגם פראַגמענטן פון גרעסערע אַרבעטן.

אונדזער חשוב׳ער דיכטער, ה. לייוויק, כידוע, איז ניט לאַנג צוריק געקומען פון זיין פאַרטרעטערשאַפט צום אידעאָלאָגישן כינוס אין ירושלים. מיט אומגעהייער אינטערעס האָבן מיר געלייענט מכוח די אַלע וכוחים און רעפעראטן וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון די פאַרשיידענע מנהיגים, דענקער, געלערנטע און גאונים פון יידיש וויסן און דענקן, וואָס זענען געווען פאַרטראָטן ביי דעם אידעאָלאָגישן קאָנגרעס. מיט אַ באַזונדערע תשוקה האָבן מיר אויפגענומען די רייד

פון ה. לייוויק. דאָס זיינען געווען דברים היוצאים מן הלב, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם ניט נאָר אויף דער גרויסער הייליקער מסיבה אין ירושלים און אין גאַנץ ישראל גופא, נייערט דער אָפּקלאַנג פון לייוויקס רייד האָט זיך מאַגנעטיש אַריבערגעטראָגן בכל תפוצת ישראל.

לייוויק איז ניט געקומען צום אידעאָלאָגישן קאָנגרעס אין ישראל מאָנען רעכט און כבוד פאַר יידיש. און ער איז געווען זייער גערעכט ווען ער האָט אויסגערופן:

„כ׳בין צו שטאָלץ צו מאָנען היינט ביי יידן כבוד פאַר יידיש״!

ער האָט מיט חשיבות דערמאָנט די העברעאישע עקסטרעמיסטן; אונדזער בלוטיקן נאָענטן עבר, פון דעם שוידערלעכן אומקום — „ווי זעקס מיליאָן יצחק׳ס זענען געלעגן אונטער מעסערס, אונטער העק, אין פייערן, און אין גאַזקאַמערן און זיינען טאַקע געשאָכטן געוואָרן!״

יאָ, ס׳איז געווען שטאַרק נויטיק צו דערמאָנען די איינגעוואָרצלטע ותיקים אין ישראל, וועלכע הייבן אָן צו פאַרגעסן, אַז די קדושים מאַרטירער זיינען אומגעקומען מיט יידיש אויף זייערע ליפּן, און דורך יידיש זיינען דורות לאַנגע יידישע גאונים און למדנים דערצויגן געוואָרן און אַ פאַרצווייגטע, אַ זאַפטיק־פּערלדיקע יידישע ליטעראַטור איז אויפגעקומען, און פאַרנעמט איצט אַן אָנגעזעען חשוב אָרט צווישן אַנדערע וועלט ליטעראַטורן.

אין אַזאַ צייט — אין לייוויקס ווערטער: „ווען בלוטיקע דיקטאַטאָרישע און טאָטאַליטאַרע הענט — קאָמוניסטישע, כמו קאָמוניסטישע און אַלערליי איסטישע — האַלטן גרייט טורמעס, לאַגערן און כרת־דעקרעטן און גלאַט שאַרפע מעסערלעך אַרויסצושניידן די יידישע צונג״, — אין אַזאַ צייט איז לייוויק געווען אין זיין סופר־רעכט און צו שטאָלץ צו מאָנען רעכט און כבוד פאַר יידיש! . . .

בעיקר ביי וועמען? — ביי אונדזערע אייגענע יידן! . . .

און וואו? . . . אין אונדזער אייגן, אויסגעוויטיקט און אויסגעביינקט יידיש היימלאַנד! ? . . .

איז גוט צו פילן און צו הערן, אַז פון אַלע שיכטן אין ישראל האָט מען זיך באַצויגן צו אונדזער יידיש־יידישן דיכטער, ה. לייוויק, מיט יראת־הכבוד און גרויס דרך־ארץ. מחמת אַלע האָבן געפילט, אַז עס האָט גערעדט דאָס האַרץ און דער געוויסן פון אונדזער פאָלק.

ס׳איז אויך גוט צו הערן, אַז פירנדיקע העברעאישע שרייבער, צווישן זיי אויך פון יונגערן דור, זוכן אַ דערנענטערונג צו דער יידישער ליטעראַטור.

בלי שום ספק, וועט לייוויקס איצטיקער אויפטריט אין ישראל, ניט ווייניק משפיע זיין פאַר אַ טיפערער פאַרשטענדעניש, פאַר אַ בעסערער שטימונג און באַציאונג פאַר יידיש און איר גרויסע נאַציאָנאַלע ראָל אין לעבן פון יידישן פאָלק.

צום פופציק־יאָריקן יובל פון אייער דיכטערישן שאַפן און אויפשטייג, חבר לייוויק, שיקן מיר אייך אונדזערע פלאַמיקע גרוסן און ברכות: —

אסך געזונט, אריכת ימים, און אומאויפהערלעכע שעפערישקייט.

י. פ.

ה. לייוויק

# אויפן אָקעאַן

אַזויפיל וואַסער וואו האָט גאָט גענומען?
איך פרעג אַזוינס וואָס נאָר אַ קינד קאָן פרעגן.
און וואו האָט ער גענומען אַזאַ מולד אַזאַ קרומען,
וואָס צייכנט אויפן אָקעאַן געדרייטע זילבער וועגן?

אַזויפיל שטערן וואו האָט גאָט גענומען?
אין איין מינוט דערוויזן מחנות׳ווייז זיי ברענגען,
און וואָלקן־פעדימער, וואָס ווערן צוגעשוואומען
צו דער לבנה׳ס ראַנד און בלייבן אויף איר הענגען.

אַזויפיל תאווה וואו האָט גאָט גענומען
צו אויפרייצן אַזויפיל אומשולדיקע תהומען,
אַ הויך געטאַן און — זייער אומשולד בייגעקומען
זיי אַלע צו באַפרוכפּערן מיט זיינע זאָמען?

אַזויפיל ווערטער וואו האָט גאָט גענומען?
דאָס סאַמע האַרץ פון שטילקייט אויפגעריסן
און אָפּגעהעפּט אויך מיין צונג פונעם גומען
כ׳זאָל טאָרן פרעגן וואָס איך טאָר ניט וויסן.

אַזויפיל נאַכט־וויים וואו האָט גאָט גענומען
און אויסגעשפּרייט אי לענג־וועגן, אי קרייזן, —
און דוכטן זאָל זיך מיר אַז ער אליין וועט אָט־אָט קומען
און נעמען איבער אַלע זילבער־וועגן שפּרייזן.

אַטלאַנטיק, אָקטאָבער 1957

מלכה ח. טוזמאַן

# לייוויק דער גלויבער אין מענטש

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט אַרום דער גאולה קאָמעדיע)

**אין אַ ליד וועגן זיך דערציילט ה. לייוויק:**

איך האָב געזען געשמיסענע לייבער
און דאָס בלוט האָט גערונען פון זיי.
אז איך בין געוואָרן דערנאָך א שרייבער
האָב איך געשריבן לידער פון שניי.

האָבן מענטשן ליב געהאַט די לידער
ווייל זיי זיינען געווען ווייס ווי שניי,
און מיר זיינען זיי געווען אָפט דערווידער
ווייל איך האָב פארדעקט בלוט מיט זיי.

זיינען געגאַנגען אַזוי די יאָרן
און מיך האָט עס שטאַרק געאַרט.
איך בין א שרייבער אויף שטענדיק געוואָרן
און דאָס בלוט אונטער שניי האָט געוואַרט.

האָב איך גענומען איינמאָל די פעדער
און אָפּגעשאַרט דעם שנייאיקן שיכט,
און דערשפירט האָט מיט שרעק איעדער
ווי די ערד וואַרפט אים בלוט אין געזיכט.

דאָס בלוט איז געווען נאָך וואַרעם
ווי פאַרגאָסן אין לעצטער מינוט,
האָט זיך אָנגעהייבן א בייזער ליאַרעם:
וואָס פייניקט ער אונדז מיט בלוט?!

האָבן האַרטע שטימען געשלאָגן מיינע לידער
געסמט זיי די טריט,
איז מיין הארץ געפאַלן צעשפאָלטן
צו די געשלאָגענע פיס פון מיין ליד.

מיינע לידער — זיי האָבן געשריגן
ווי עס איז שוין די טבע פון ווי,
און געבליבן אויף דער ערד ליגן
נאָר מער ניט פארדעקט שוין מיט שניי.

אז איך בין אויף שטענדיק א שרייבער
איז מיין אמת נאָך אַלץ אין דעם,
וואָס אין בלוט פון געשמיסענע לייבער
ליגט אויך מיין געשמיסענער שם.

האָבנדיק אָט דעם שליסל צו לייוויקס שאַפן, לויכט ערשט אויף דאָס ליכט פון זיין אידייאישקייט וואָס גייט דורך שאַרף זיין גאַנץ שעפעריש לעבן. ס׳מיינט — דערשפירן און דערקענען זיין פאַרגלויבטקייט אין מענטש.

לייוויקס אויג נעמט דורך אלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, אַלע מענטשלעכע ברוטאַליטעטן, נאָר זיין גלויבן אין אים און אין זיין סוף־כל־סופיקער געליי־טערטקייט ווערט אויף א האָר ניט געמינערט.

אַלע זיינע קלאָגן איבער דער געפאַלנקייט פון מענטש איז אַלץ מער א סימן אויף זיין גלויבן אין דער דערהייבונג פון מענטש. דערפאַר און בלויז דערפאַר זיינען לייוויקס פאָדערונגען און מאָנונגען צו אים די העכסטע, די סובלימירטסטע. דער, וועלכער האָט ניט אַזאַ גלויבן, דער, וועלכער פאַרשפּאָט דעם מין מענטש, דער קען פון אים גאָר ניט מאָנען; דער קען פון אים אוודאי גאָר ניט דערוואַרטן.

דער וועלט־באַרימטער ענגלישער דיכטער, ט. ס. עליאָט, שרייט אויס אין זיינס אַ ליד:

„מיר זיינען די אויסגעליידיקטע מענטשן,
מיר זיינען די אָנגעשטאָפּטע מענטשן,
אָנגעלענט איינער אָן צווייטן די מיט־שטרוי־אָנגעשטאָפּטע קעפּ.
מיר שעפּטשען צוזאַמען זינלאָזיקייטן
ווי זינלאָז עס איז דער ווינט
וואָס שאַרכעט אַדורך פאַרטריקנטן גראָז״.

אַזוי זעט אויס דער מענטש אין עליאָטס אויגן. אַזאַ פאַרלייקענונג, אַזאַ פיינטשאַפט וואַקסט אַרויס פון זעלבסט־האַס. זעלבסט־האַס האָט א טבע זיך אויסגיסן איבער דער וועלט און אָפּסמען אַלע האָפענונגען.

אַזאַ איינער זינדיקט קעגן וואָרט וואָס דאַרף געהייליקט זיין אין מויל פון דעם, וועמען די וואָרט־ברכה איז צוגעטיילט געוואָרן. ווערט אָבער דאָס וואָרט פאַרשוועכט, פאַרזינדיקט יענער זיין טאַלאַנט און ווערט ניט נאָר אויס דיכטער, ער ווערט אויך אויס מענטש. ווייל — אויב דער מענטש איז אַן אויסגעהיילטער, א נשמהלאָזער, פאַרוועמען זשע די גאַנצע קונסט? אויב דער מין מענטש איז האָפענונגסלאָז תהומיק, איז דאָך עק וועלט. דאַרף דען אַ וועלט וואָס עקט זיך: קונסט, פּאָעזיע, פילאָסאָפיע? אַזאַ מין אומגלויבן איז — צעשטערערישקייט. צעשטערערישקייט איז — טויט, און טויט דאַרף ניט קיין קונסט, קיין אַרויס־העלפער. עס איז פון אייביק אָן אויף שטענדיק ממילא.

פון דעם איז געדרינגען אַז אלדאָס שעפערישקייט איז געמיינט פאַר מענטש, פאַר לעבן. און דער, וועלכער ניצט ניט זיין מתנה פון גאָט לטובות מענטש, לטובות לעבן, דער זינדיקט און פאַרזינדיקט די ברכה.

לייוויקס פעסטונג אין זיין דיכטונג איז פריער פאַר אַלץ — גלויבן אין

מענטש; דערקענען אים דורך בלוט און דורך פייער און דאָך גלויבן, און קרעפּ־טיקן דאָס גלויבן.

דער ערשטער שטויס פון ברוטאַלן שטיוול אין זיין יונגן גוף האָט אים געגעבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון אומרעכט און דערקענען אים שוין אויף אייביק. יאָרן אַז ער טראָגט דעם צייכן אויף זיין לייב. אין א גאָר גרויסער צאָל לידער זעט מען דעם שאַרף פון חלף איבער זיין האַלדז. ער שטעלט אַליין אונטער זיינע פּלייצעס צו אַלע מענטשלעכע רישעותן, פּרובירט אויס אויף זיך פייערן פון תאוות, פאַרזיכט ווייַן פון ליידנשאַפטן ביז אויסגעלייטערטער פאַר־שטייאיקייט, ביז דער העלזעאיקייט פון גאַנצער גאולה פאַר מענטש. אין א גרויסער צאָל לידער שפּירט מען ווי לייוויק נעמט אויף זיך דעם מאַטער פון אלע סאָרט טויטן סאַדיסטיש־צוגעטראַכטע מצד די קראַנקהאַפטע מאַכט־מאַניאַקעס, וויסטע פּחדנים, וועלכע גריזשען שרעק מיט די ציין אין די טונקלקייטן פון זייער אייגענעם שאָטן און פּאַכן דעם שווערד פון אומברענג.

די פייניקונגען, די שוידערן, וועלכע לייוויק דעקט אויף אין דער „גאולה קאָמעדיע" זיינען עדות קעגן די מאַכט־באַזויפּענע משחיתים, וועלכע זיינען אין דער זעלבער צייט — צום טויט־דערשראָקענע פּחדנים. לייוויק לעבט די פּיינען דורך ממש מיט איבערמענטשלעכער געדולט ביז הנאה וואָס קומט מיט דער־קענונג און אויסשעפּן צער ביזן לעצטן טראָפּן.

ניט זעלטן הערן מיר פּראָטעסטן, טענות צו אים „וואָס פּייניקט ער אונדז מיט בלוט", נאָר אויך דאָס נעמט ער אָן פאַר ליב. אויך דאָס איז אין סדר פון באַשערטקייט.

לייוויקס גאַנג דורך פּיינען מאַניפעסטירט זיך אַמשטאַרקסטן אין זיין ליד „אין פייער":

די לאַנגע, די פינצטערער נאַכט איז פייער,
מיין קאָפּ אויף א קישן פון פלאַמיקן פייער.
איך אָטעם אריין און איך אָטעם ארויס פייער
דורך אָפענע טירן און פענצטער פון פייער.
מיין האַנט שטרעקט זיך אויס און מאַכט צייכנס אין פייער,
נעמט שרייבן אין פייער מיט פייער אויף פייער.
כ׳בעט רחמים, כ׳זוך שיצונג פון פייער,
כ׳טו תפילה: אָ, ראַטעווע, ראַטעווע, פייער!
דערהער איך ווי ס׳פּלאַקערן קולות אין פייער:

דיין טאַטע בין איך — דיין פאָטער פון פייער,
דיין מאַמע בין איך — דיין מוטער פון פייער,
דיין טאַטע, וואָס האָט דיך געיידישט אין פייער,
דיין מאַמע, וואָס האָט דיך געזויגן מיט פייער.

אַזוי, דורך פייער האָט לייוויק דערבליקט און דערקענט דעם סדר פון געשעענישן, וועלכע זיינען אומפאַרמיידלעך, און זיך אויך דערוויסן אַז פול־שטענדיקע גאולה איז אויך אומפאַרמיידלעך. דאַרום: ניט אָפּשוואַכן דאָס גלויבן. אויב נייע פייערן, איז מען דאָך שוין אַן אויסגעפּרואווטער.

דאָ שניידט זיך אַרויס דאָס דינע שאַרפקייט פון געדולט.

דער, וועלכער באַנעמט דעם גאַנג, דעם סדר פון דער וועלט, דער מוז ווערן שטאַרק און געדולדיק ווי שטאָל.

אַפילו דעמאָלט, ווען מע האָט אים גערופן „משיח פון אומקום", אַפילו דעמאָלט, ווען מע האָט אים אין פּנים אריין געשריגן „פאַלשער משיח", האָט לייוויק פארקוועטשט די ליפּן, נאָר ער האָט ניט פארמיטן זיין שטים פון דער אייביקער מאָנונג צו אונטעראיילן דעם חלום „משיח".

מיטן כוח פון געדולט נעמט ער אָן פאָלקס צאָרן, ווייל דאָס אויך גייט אריין אין דער קאַטעגאָריע פון „כולו חיב". ער נעמט עס אָן דערפאַר וואָס ער איז פאַרעקשנט זיכער אין „כולו זכאי".

דבורל פון דער גאולה קאָמעדיע זאָגט: מיר וואַרטן אַלע, אַלע עס זאָל קומען די שעה פון גוטסקייט און ליבשאַפט. ענטפערט איר חנינה־משיח: די גוטסקייט און די ליבשאַפט קומט ניט. מע דאַרף זיי ברענגען.

ווי אַזוי ברענגען?

לייוויק האָט שוין לאַנג געמאַכט אַ צייכן אויף דער טיר, דורך וועלכער זי — די אויסגעבענקטע שעה אריינצוברענגען:

גוטסקייט צוליב גוטסקייט־וועגן איז צו ווייט; ס'איז צו הימלש. צו מענטש דאַרף מען צוגיין לויט זיינע אייגענע באַדערפענישן; ריידן צו אים מיטן לשון פון זיין באַגרייפלעכקייט.

מענטש איז אַ גליק־זוכער, אַ פרייד־זוכער. אים קומט אַלץ דערפאַר, וואָס ער איז אַ שטאַרבנדיקער, אַ גאַסט אויף דער ערד. דאַרף מען געפינען דאָס וואָרט, וואָס זאָל זיך דערשלאָגן צו דער אמת לויטערער פרייד וואָס איז אויף שטענדיק. דאָס דעררייבערטע דורך צוואַנג פרייד איז לפי־שעהיק. זי רינט גיך אריין אין אַ נייעם טרויער. דאָס פאָלק־קינד איז ווידער אָפּגענאַרט און צעטומעלט ביז בלוט און טויט. אָט אויף דעם וויל לייוויק באַוואוסטזיניק מאַכן די וועלט. צו דעם פאָדערט זיך יענער מעכטיקער געדולט, וואָס געהערט לייוויקן. דאָס איז זיין כוח. איז קיין צופאַל ניט און קיין וואונדער ניט וואָס דער צענטראַל פון זיין אידעאישקייט אין כמעט אַלץ וואָס ער שאַפט איז קולמינירט אין ווייטסטן משיחיזם.

ווי שווער עס איז די לאַסט פון זינד! ווי אומגליקלעך דער פרייד־זוכער איז מיט פאַלשע זיגן!

משיח בן יוסף, פאָרגייער פון אמתן משיח איז שוין אויך פארזונקען אין רישעות און איז שוין מיד פון זיג. ער זינקט אַלץ טיפער און טיפער. ער רעדט אַזוי צו חנינה:

גואל, חנינה מיין ברודער,
זע, וואָס איז געוואָרן פון מיר!
אַ שלאַפּלאָזער פּחדן, אַן אכזר איז געוואָרן פון מיר.
די שרעק פון פארגיין איז אריין אין מיין בלוט.

ווי טראַגיש ס'איז בן יוסף דער באַלאָדענער, דער באַשווערטער מיט תאוות, וועלכע זיינען אָנגעוואָקסן אין אים אין גאַנג צו דער וועלט־באַפרייאונג. ווידער מאָנט ער:

ווייל דו ביסט זיך צדיק, אומשולד —
געלייטערטער, ריינער משיח בן דוד —
דו ליגסט זיך און טרינקסט די יסורים פון הייליקער שיכרות;
און איך ווער צעריסן פון אומרו, פון שרעק און פון צווייפל.
— — — — — — — — — — — — —
מיין גוף איז פון אייזן, און זע,
ווי מיאוס צעגעסן עס ווערט פון די קליינינקע ווערים,
וואָס דו האָסט אויף מיר אַזוי אָנגעשיקט הינטער אַרום.

דאָס איז ניט קיין קאַמף צווישן טומאה און קדושה. דאָס איז געראַנגל פון ערב־קדושה, וואָס קלאַפּט אָן אין דער נאַכט פאַרן נייעם טאָג.

דורך אַלע מעגלעכע שפּעלטעלעך פּירט לייוויק אַרויס דאָס מענטשלעכע געוויסן און טייטלט אויף אים: אָט דאָס איז דיין אמתער פייניקער. און גוט איז דאָס וואָס אָט דער פייניקער איז אַן אַקטועלער. דאָס איז דאָך א זכות. דערפאַר אליין איז די וועלט ניט הפקר. דארום — ניט אָפּלאָזן! וואָס מער אָנשיקן אָט די קליינינקע ווערים מיט וועלכע די פּאַרוויסטער ראַנגלען זיך.

„דאָס הארץ פון אַלעמען גייט אָפּ אין שטילקייט", דערציילט „דער נביא פון אייביקן היינט", דער־פון־שטיין־געבוירענער, וועלכער האָט ניט קיין אייגענע, פון פריער אָנגעצייכנטע אַמביציעס.

„אין ווייטיק געוואַרט אויף דער איצטיקער רגע,
אויף ליבשאַפט, אויף אמתן שלום, אויף רו,
אויף אויסגעלייזט ווערן פון סתירות, פון ווילן צו רישעות".

לייוויק האָט מיט וואָס צו נערן זיין פאַרגלויבטקייט: דער חלום־אויסגעלייזט צו ווערן פון רישעות וויל ווערן וואָר; עס רייסט זיך אין שטילן טאָג אריין. לייוויק דערקענט עס אין אַלע אומעטן; ער זעט עס אין די טרויערןביים שפּיץ פון אלע טריאומפן. דערפאַר זיינען אַזוי צערפּול די רייד פון גוטן אלטינקן אליהו — דעם אייביקן טרעגער פון גוטסקייט צו מענטשלעכע שוועלן. ער וואָרנט חנינהען:

„גרייט זיך אויף דאָס ערגסטע.
אויף שנאה און אויף תפיסה און אויף פייניקונג,
אויף שפּאָט און אויף רכילות און פאַרראַט.
אפילו די וואָס וואַרטן אויף דיין קומען און זאָגן פרום ארויס דיין נאָמען,
אפילו זיי — זאָל נאָר באַוואוסט ווערן אז דו ביסט דאָ —
באַגעגענען מיט חוזק וועלן דיך".

נאָר לענגער וואַרטן מיינט „עק וועלט". וועלט מוז אָבער בלייבן „וועלט". דארום ענטפערט אים חנינה מיט לייוויקס עקשנות:

„דאָס וואָס וואַרט אויף מיר זאָל קומען
און דאָס וואָס איך דאַרף ברענגען
וועל איך ברענגען
דורך ווילן און נסיון".

גלויבן, געדולט, ווילן און נסיון — דאָס זיינען די זיילן פון לייוויקס פעסטונג. ארום דעם בויט ער זיין לייכט־טורעם אין דער צוקונפט אריין.

צו טאָן דאָס מענטשלעכע פאר מענטשן, האָט אויך משיח געמוזט זיינע הענט פארבלוטיקן. פארשפארט ער זיך אליין אין תפיסה און קלאָגט א גרויס געוויין איבער זיינע פאַראומריינטע הענט. דאָס געוויין וואַרפט אָן א טרויער איבער דער גאולה. שרייט אריין צו אים דער נביא פון היינט:

„דו האָסט קיין רעכט ניט צו וועלן זיין
גערעכטער מער ווי אַלע!

ניין. ער האָט קיין רעכט ניט צו וועלן זיין גערעכטער מער ווי אַלע. ער האָט אָבער ניט דעם נייטיקן כוח צו זיין „ווי אַלע". עס איז דאָך ניט דערפאר וואָס ער איז צו הייליק פאר דעם. פאָלק איז ניט ווייניקער הייליק. עס בלאָנדזשעט בלויז אין פינסטערניש.

טריפענע רייד אַזעלכע:

„ברויט האָבן מיר אַלע געגעסן,
ווין האָבן מיר אַלע געטרונקען,
אָבער לייב האָבן מיר נאָך ניט געגעסן,
אָבער לייב האָבן מיר נאָך ניט געטרונקען".

געהערן צום גולם־מענטש וועלכער איז פון אַ מענטשן־באַשאפענער. לייוויק האָט דאָס פון א גאָט־באשאפענעם ניט ארויסגעהערט.

„פארשטער ניט די פרייד פון דער גאולה" זיינען מענטשלעכע רייד. אזוי וויל די ווירקלעכקייט און אזוי וויל לייוויק, וועלכער קען די ווירקלעכקייט. פרייד אַזעלכע געהער דעם מענטש. ניט חנינה און ניט אליהו זיצן ביים טיש פון דער גאולה־סעודה. זיי געהערן ניט אַהער. לייוויק באַטאָנט דאָס שטאַרק.

דער מענטש וועט אויסבענקען זיין פולע באפרייאונג פון רישעות און ער אליין וועט טראָגן די לאסט פון זיינע באגאנגענע פארברעכנס ביזן נייעם, אינ־פרייהייט־געבוירענעם דור אריין.

משיח איז ניט ערדיש. ער איז הימליש. ער קען ניט פאַרטראָגן דעם יאָך פון זינדיקייט. מענטש אליין האָט די נייטיקע מיטלען דערצו: „חרטה" און „תשובה". חנינא און אליהו האָבן דאָס ניט.

זינד איז סוף־כל־סוף די שווערסטע שטראָף פארן זינדיקן. אויף דעם שטרעבט לייוויק באוואוסטזיניק צו מאכן דעם גליק־זוכער — דעם מענטש.

לייוויק פאָדערט ניט דער מענטש זאָל זיך אָפּזאָגן פון פרייד, אוודאי דאַרף ער זיין א גליק־געניסער. ער ווייזט בלויז אָן אַז מע זוכט עס אויף אומוועגן.

אין זיינע יונגע שרייב־יאָרן איז לייוויקס גאולה געווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. שפּעטער האָט ער זיך דערטיפט צום משיח געדאנק. דאָס איז א וועלט־משיח. נישטאָ אַזאַ וועלט־טייל וואָס זאָל זיין אויסגעשלאָסן פון דער גאולה, ווייל וועלט באַפרייאונג באַציט זיך אויף כולו זכאי.

אויב די וועלט דאַרף פריער ווערן כולו חיב, איז שוין שלעכט גענוג. עס זיינען שוין געווען אלערליי רעוואָלוציעס. משיח בן יוסף איז שוין געקומען, אָבער ער האָט אַריינגעשטורעמט אויף טאַנקען, מיט עראָפּלאַנען, מיט אַטאָמישע פייער־צונגען. ער איז געקומען מיט דער פרייד פון בלוטיקן זיג.

אַזאַ זיג מיינט — מאַכט, און מאַכט וועט זיך אַלעמאָל שטאַרקן צו איבערמאַכט און דאָס איז אומקום, נייער פארראַט.

דער גאַנג צו גוטס טאָר ניט זיין דורך שלעכטס. באפרייען די וועלט פון ליידן דורך בלוט איז פאלש. ס'איז אָסור! די וועלט איז פאַרטרונקען אין בלוט בלויז דערפאַר וואָס זי האָט געמאַכט א היתר אויף איין טראָפּן. בלוט וועט מאָנען בלוט ביז עק וועלט. ניין. עס איז נישטאָ קיין אמתע פרייד, קיין דויער־האפטע פרייד אין שלעכטס.

ווען מענטש וועט זיך דאָס דערוויסן גרינטלעך, דעמאָלט ערשט וועט דער אמתער משיח בן דוד קומען. און קומען וועט ער מיט שטילן טראָט און מיט גאָטס וואָרט אין מויל. אָט אויף אזא גאולה האָט זיך פארמאָסטן לייוויקס ליד. לייוויק באַשטייט אויף דעם און נישטאָ קיין קאָמפּראָמיסן. ער הערט ניט אויף צו מאָנען און דערמאָנען, אַז יעדער איינער איז מחויב אונטער־צואיילן דאָס קומען פון דעם וועלכער רייסט זיך פון די קייטן.

די יידישע לעגענדיסטיק גייט דורך אין כמעט אלע לייוויקס ווערק. דאָס איז באַגרייפלעך ווייל, וואָס איז דען לעגענדע? דאָס איז פאָלקס פאַנטאַזיע, וואָס שפּילט אויס פאָלקס ווילן, און ווען פאָלקס ווילן ווערט געשליפט ביז מסירת־נפש, מוז עס אויך ווערן גאָטס ווילן . . . אָט די אידייע גייט שוין ארויס פון די ראַמען פון צו זיין בלויז יידיש אין איר מהות און ווערט וועלט־אידייע. און לייוויק איז איר מאָנער, ווייל ער איז גלויבער; ער איז שטראָפער, ווייל ער איז גלויבער אין מענטש און אין וועלט און אין אחרית היומים — אין סוף פון די טעג פון מענטשלעכע ליידן.

---

**וו. נאטאנסאן**

# שיקזאַל אין ה. לייוויק'ס דיכטונג

## א

געוויסן איז גורם דעם געפיל פון אחריות, און אחריות — דעם געפיל פון גורל. דאָס איז דער געפיל, אַז וואָס עס קומט און וואָס וועט קומען, איז א פועל יוצא נישט נאָר פון דעם וואָס מוז אזוי זיין, נאָר אויך פון דעם וואָס דאַרף אזוי זיין. מחמת הינטער אלץ און איבער אלץ איז פאראַן נישט נאָר פאָר־אויסבאַשטימונג וואָס לאָזט זיך אַפילו פילן ווי אַ מוז, נאָר אויך א זין וואָס שפּירט זיך ווי א באַדאַרף — ווי אַן אינערלעכסטע נויטווענדיקייט. דאָס איז די נויט־ווענדיקייט וואָס דערפילט און אַנטפּלעקט זיך צו אונדז אין געוויסע מאָמענטן פון אונדזער לעבן, אָבער זי קאָן קיינמאָל ניט דערקלערט ווערן. זי איבער־שטייגט אַלע אונדזערע פּאַרניפּטיקייטן און אויסרעכענונגען. אַלץ אָבער אין אונדז וואָס איז גייסט — סיי אין זיינע אויסדרוקן פון פאַרניפּטיקייט, סיי אין זיינע אויסדרוקן פון בלינדן דראַנג — ווערט איבערשטייגט אין אונדז פון דעם אלוועלטלעכן גייסט, און איז פון גרויס וויכטיקייט אין דעם פּראָצעס פון איבערשטייגונג גופא. צוליב דער דאָזיקער וויכטיקייט גייט אונדזער גייסט אריין ווי אן אינטעגראַלער טייל און א ווירקנדיקער כח אין דעם מוז און געדאַרף און ווערן, פון שטרעבן און דערגרייכן.

„די אידעע שיקזאל — שרייבט שפּענגלער — קאָן מיטגעטיילט ווערן נאָר דורכן קינסטלער, וואָס אַרבעט דורך אַזעלכע מעדיומס ווי פּאָרטרעט־מאַלעריי, טראַגעדיע און מוזיק".

פון די יידישע קינסטלער־דיכטער ווייס איך קיין איינעם ניט, וואָס האָט דורך טראגעדיע, אין איר טיפסטן זין, אונדז מיטגעטיילט אַזויפיל פון דער אידעע שיקזאל, ווי ה. לייוויק. די דיכטונג זיינע איז דורכגעדרונגען מיט דער זיכערקייט, אַז עס קאָן ניט זיין קיין הפקר וועלט; אויב עס איז פאראן א וועלט, און אין איר איז פאראן אַ מענטש, מוז ער אָנפילן מיט זין די וועלט, וואָס ער טראָגט אין זיך און איבער זיך. דער דאָזיקער זין לאָזט זיך אין אונדז דערפילן ווי געוויסן און אחריות, ווי געבאָט און פאַרבאָט, ווי דראַנג און קאַמף. און פון דעם אַלעם ווערט דאָס, וואָס מיר רופן שיקזאל. דער שיקזאַל ווערט אונדז ניט געגעבן א פארטיקער. צו דער פארמירונג פון דעם שיקזאל טראָגט צו דער מענטש א גרויסן חלק. דער דאָזיקער חלק, וואָס דער מענטש טראָגט צו צו דער פארמירונג פון שיקזאל, איז דער זין פון דעם מענטשנס באַמיאונגען און אָנ־שטרענגונגען, פון זיין פילן און באַוואוסטזיין. און איז פאַראַן שיקזאל אין דער וועלט, מוז שוין אויך זיין אין איר זין און צוועק.

עס איז דער דאָזיקער טיפער שיקזאל־געפיל אין לייוויקן, וואָס האָט אים אזוי נאָענט געמאַכט צו דעם גוסס'דיקן נתן ניומאַן. נתן ניומאַן האָט דערפילט דעם דיכטער לייוויק אַזוי נאָענט צו זיך, אז אין די לעצטע שעה'ן און מינוטן, זעט ער אין חלום לייוויק'ס האַנט ווי אַ ליכט אין וואַנט, וואָס „באַוועגט זיך, טאַנצט און שפּרינגט צופלעמלט".

אַ מענער האַנט? — פליייכט די האַנט פון שכן
פון איבער וואַנט, — דער יידישער פּאָעט?
נאָר ווי אַזוי איז האַנט אַדורכגעקראָכן
דורך וואַנט, און אָט דערלאַנגט זי שוין זיין בעט?

די האַנט איז דורכגעקראָכן דורך וואַנט דערפאַר, ווייל ווען נאָר מיר ווערן געשטעלט פנים אל פנים מיטן שיקזאַל, פנים אל פנים מיט די פראַגן פון זין און צוועק אין דער וועלט, ווערן אונדז די ווייטסטע נאָענט, און די נאָענטע נאָך נענטער. און ווער נאָך קען אונדז ווערן אין דעם דאָזיקן מאָמענט אַזוי נאָענט ווי דער, וואָס האָט געפילט און איבערגעלעבט אַלע אַרויסרופן פון שיקזאַל?

און דאָס געפיל פון נאָענטקייט צו זיך, וואָס לייוויק איז בכח געווען אַרויס־צורופן אין דעם גוסס (א נאָענטקייט וואָס האָט דורכגעבראָכן די וואַנט, און דערלאַנגט דעם קראַנקנס בעט) האָט מעגלאך געמאַכט פארן דיכטער אונדז מיטצוטיילן, וואָס די שיקזאל־אידעע, וועלכע נתן ניומאַן האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך אין פאַרלויף פון יאָרן, האָט אויפגעטאָן פאר ניומאַנען, אין די מאָמענטן, ווען ער האָט דערפילט דעם אָנקום פון סוף און דעם אויפקום פון דעם, אויף וואָס עס זיינען נישט חל, ניט די באגריפן פון סוף און ניט די באַגריפן פון אָנהויב.

געשמידט צום בעט — נישט איין מאָל זיך געשליידערט
אין לוסט און אין חלומות אויפגעברענט,

ביז וואַנען ער האָט זיך דערפילט געלייטערט,
און „יע" געזאָגט צו זיינע שטילע ווענט.

**דער „יע" האָט אויסגעדריקט אַ סך באַטייטן:**

— — כ'נעם אָן — — ס'איז גוט — — איך שמייכל צו.
די וועלט איז דאָ. דאָס צימער האָט פיר זייטן,
און דאָקטאָר זאָגט: דער גאָט פון וועלט איז רו.

**פון אַלע אומציייליקע באַשעפענישן אויף גאָט'ס ערד, איז מענטש די איינציקע באַשעפעניש, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן די מעגלאַכקייט יאָ אָדער ניט צו זאָגן: איך נעם אָן — ס'איז גוט. און דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן זאָגן עס א צווייטן, צו אַן אַנדערן; דאָס ווערט געזאָגט צו ז י ך א ל י י ן. דאָס ווערט דערפילט דורך זיך אליין. אַזוי דערפילן עס קאָן מען ערשט נאָכדעם ווען מען באַנעמט אין דער גאַנצער ברייט און טיף די קורץ־שפּאַניקייט פון דער מענטשלאַכער עקזיסטענץ, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן אויפריר און אויפ־ברויז, מיט אַלע אינספּיראַציעס, און שטרעבונגען, אַלע אַנטוישונגען, און האָפע־נונגען, אלע מפלות און נצחנות, וואָס דאָס קורצע מענטשלאַכע לעבן ברייננגט מיט זיך. נאָר ווען מען באַנעמטביידע זאַכן: אי די מורא'דיקע קורצקייט, אי די אומדערשעפלאַכע טיפקייט פון דעם לעבן, דערוועקט זיך מיט אַמאָל א געפיל און אַן אַנונג, אַז קיין סוף איז גאָר ניטאָ. און ביסלעכווייז, און אַמאָל, פלוצים, שפּרינגט אויף די פראַגע: „צו איז דאָס שטאַרבן צומאָל ניט א טראָט צו אַ נייעם לעבן?"**

**געפיל און אַנונג פון אַ נייעם לעבן ברייננגען מיט זיך געלייטערטקייט, און נאָר אין אַ צושטאַנד פון אַזאַ געלייטערטקייט, קאָן מען זאָגן צו זיך אַליין אין אַנגעזיכט פון טויט: יע — כ'נעם אָן — ס'איז גוט.**

דער יע מיינט אויך: אי גאוה, אי הכנעה,
אי פולן איבעריים מיט י ע נ ע ר ז י י ט,
מיט די, וואָס האַלטן אין איין מאָרדן שעה'ן,
מיט די וואָס לינטשן נאָכאַנאַנד די צייט —

**זיי מאָרדן שעה'ן, זיי לינטשן נאָכאַנאַנד די צייט, ווייל זיי קניפּן נישט אָן די שעה'ן און די צייט אָן דער אייביקייט, אָן דעם קוואַל פון אונדזערע און אַלעמענס שיקזאַלן.**

## ב

**דאָס געפיל פון פאַרבינדונג מיט דער אייביקייט, פון וועלכער עס שלאָגט מיט גורל, איז דער קוואַל פון אַזעלכע שורות:**

די וועלט נעמט אַרום מיט שטעכיקע הענט,
און טראָגט מיך צום פייער, און טראָגט מיך צום שייטער.
איך ברען און איך ברען און איך ווער נישט פאַרברענט,
איך הויב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

איך וואוין אין א תפיסה, איך רייס אויף די צעל,
עס טרעט איבער מיר צו זיין גליק דער באַפרייטער,
און מיך לאָזט ער ליגן צובלוטיקט ביים שוועל —
איך הויב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

אין בלוט מיינע קליידער, די פיס קוים איך שלעפּ,
איך קום מיט אַ ליבשאַפט פון לעצטן געלייטער;
איך קום צו אַ שטיבל, איך פאַל אויף די טרעפּ —
איך הויב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

און ווי ווייט און ווי לאַנג, פרעגט זיך, קאָן איינער אַזוי שפּאַנען? און דער ענטפער קאָן זיין בלויז איינער: — ביז צו דער אומענדלאַכקייט, ביז איבער דער גרעניץ פון צייט און רוים.

נאָר דאָס גלויבן, אַז די טיפסטע געשטאַלט אין מיר, דער טיפסטער און העכסטער אויסדרוק פון מיין מענטשלאַכן מהות, שלאָגט זיך אָן און פּאַרוועבט זיך אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן מיט דער אייביקייט קאָן געבן זיכערקייט, אַז איך בין ווי דער דאָרן, וואָס קאָן ברענען און ניט פאַרברענט ווערן; אַז איך קאָן מיך פון פייער און שטייער אויפהויבן און שפּאַנען ווייטער און ווייטער; אַזוי הער איך קיינמאָל נישט אויף צו שמידן דער וועלט׳ס שיקזאַל, און איך הער קיינמאָל נישט אויף צו זיין אַ שתוף צו מעשה בראשית.

וואָס דען אַנדערש, אויב נישט דאָס זיכערע גלויבן אין דער אומצעשטערט־באַרקייט פון מענטשן׳ס מהות? וואָס דען אַנדערש, אויב ניט דאָס גלויבן אין מענטשנס איינפלוס אויפן גורל פון דער וועלט קאָן און דאַרף אַרויסגעלייענט ווערן פון די שורות:

און דו צוזאַמען מיט אַלע קינדער
וועסט נעמען מיין גוף, וועסט נעמען און טראָגן
אַהין, וואו מיין גוף טוט אויף אייביק געהערן, —
(דאָס לעצטע וואָרט קען קיינער ניט זאָגן)
מיך טראָגן, און טראָגן און טראָגן.
און קיינמאָל פאַרמאַטערט ניט ווערן.
אַזוי האָב איך דיר מיין ברכה געגעבן
ביים לעצטן הויך פון מיין לעבן.
אויפן האַרבסטיקן פעלד ערב טאָג.
(דאָס לעצטע וואָרט ווילט זיך נאָכאַמאָל זאָגן)
און ווארהאפטיק, זע — וועסט קיינמאָל נישט גרייכן
דאָס ארט, וואו מיין גוף טוט געהערן,
און וועסט מיך אייביק אויף זיך מוזן טראָגן.
(דאָס לעצטע וואָרט וועט מער קיינער ניט זאָגן)! (קום צו מיר).

און מיט וואָס, אויב נישט מיט שיקזאַלישקייט, מיט פעסטן גלויבן אין דער פאַראַנענקייט פון גייסט אין דעם אַל־וועלט, וואָס רעדט צו אונדז רייד פון טרייסט און בטחון, טראָגט פון אַזעלכע שורות אין די „פערזן" (ג):

איז חלום איך אליין, אַז ערגעץ איז אַ לאַנד פאַראַנען,
וואו טויטע וועלן אויפוואַכן צוריק צום צווייטן לעבן.

— — — — — — — — — — — — — —

איז גוט אַזוי, ווייל איבער מיר אַלץ פארביקער און בונטער
גייט אויף מיין חלום פון צווייטן לעבן . . . ?

**אָדער פון אַזעלכע שורות אין די „פערזן״ (ד):**

אין געוועב פון ווייסע שטערן זיך אליין פאַרוועבן,
פאַלן, פאַלן א צעזייטער, א צעשפרייטער — שטויב פון שטויב,
דא פארגיין און דאָרטן אויפגיין צו דעם צווייטן, צו דעם דריטן לעבן,
שטיל דאָס ודוי־ליד, און שטילער נאָך פון אויפגיין דאָס געלויב!
(אין קיינעמס לאַנד)

**און אַזוי ווי מיט די שורות אין די „פערזן״, אַזוי אויך מיט די שורות אין „אָוונט ליד״. די אייביקייט און די אומענדלאַכקייט, דער זין אין דעם שטענדיקן ווערן, און דאָס שטענדיקע ווערן אין דעם אייביקן זיין, שלאָגן מיט פרייד און גליק, מיט בטחון און טרייסט.**

איבער אַלע שטיבער,
איבער אַלע דעכער,
טראָגן זיך אַריבער
זילבער ווייסע פעכער,
און זיי פאָכן,
און זיי טראָגן
טרייסט, בטחון צו די, וואָס קלאָגן.

— — — — — — — — — —

**עס איז דאָס קול, וואָס דער דיכטער הערט אַרויס פון צייט צו צייט פון די טיפענישן פון דער אייביקייט, וואָס גיט אים מוט אויסצורופן:**

ברודער מיינער!
לאָמיר זיך אין האָפערדיקייט אָנטאָן,
און צו להכעיס אַלע געטער און מזלות
לאָמיר טראָגן אונדזער יום טוב׳דיקן גורל
דורך פעלדער, גאסן, מארקן, פאַליסאַדן,
ברודער מיינער,לאָמיר עדות זיין אליין
ווי מיר וואַרפן פייערליכע בשורות
וועגן זיך און וועגן מענטשן
אין נייעם טאָג אריין.
ברודער, זע —
ווי פול און בליענדיק עס וואַקסט דאָס וואָרט —
דאָס ליד אונדזערס —
אויף אונדזערע, מיט פיין און שטומעניש, פארזייטע פעלדער.

וואָרט — נס פון וואָרט,
פאַרלאָז אונדז ניט;
וואָרט — נס פון וואָרט;
באַהיט אונדז און באַשיץ.

און אויפגעקומען איז דער מאָמענט, ווען דער דיכטער האָט דערפילט, אַז זיין גלויבן אין וואָרט, זיין האַרציקע תפילה צום וואָרט, האָט באמת אָנגעלאָדן אים און זיין אייגן וואָרט מיט אן איבערנאַטירלאַכן כח. דורך דעם ווערט אַלץ אַרום פול מיט וואונדער. און ער פאָדערט פון זיך אַליין און פון זיין וואָרט, אַז אויך זיי זאָלן וואונדער באַווייזן. דער גלויבן, אַז וואונדער דאַרפן געשען, ווייל אַזוי פאָדערט דער שיקזאַל פון וועלט און מענטש, — פאַרוואַנדלט דעם בעדאַרף אין אַ מוז, און דעם דיכטער׳ס גייסטיק אויג דערבליקט די געשעהענישן פון וואונדער. דעמאָלט זינגט זיך אַרויס פון אים דאָס ליד, „געבענטשט געזאַנג״, פון וועלכן מיר ברענגען דאָ די לעצטע שורות:

און אַנען וואונדער טו איך אַנען
אין צוגעפאַלענקייט צו ערד,
איך בענטש די ווייטע וועלט פון דאַנען, —
מיין ברכה מוז איצט זיין דערהערט.
זי מוז, — אין קראַפט פון אל־נסיון
מקיום ווערט וואָס איך פאַרזאָג.
געבענטשט געזאַנג פון לעצטע שעה׳ן
אין העלער זון פון מיטן טאָג.

אַן אַנונג וועגן דעם כח אויפצוועקן אַמאָל וואונדער ביז צום גראַד פון אַ גלויבן אין דער אייגענער מאַכט צו בענטשן ווייטע וועלטן מיט אַ ברכה, וואָס מוז „אין קראַפט פון אל־נסיון מקיום ווערן״ איז שוין געלעגן אויף די אָפּגרונטן פון דעם דיכטערס אונטערבאַוואוסטזיין, ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען. די דאָזיקע אַנונג קומט צום אויסדרוק אין ליד „איינגעלוויין״. שוין איינם דאָזיקן ליד פון בוך „הינטערן שלאָס״, דערציילט ער אונדז, אַז ער, אַלס קינד, האָט זיך פאַר אַ גרויסן געהאַלטן, געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פון דערווייטנס. ער האָט דעמאָלט געפילט, אַז אין שווייגן זיינען פאַרבאָרגן טיפע מענטשלאַכע ליידן. און ער האָט דאַריבער פאַרנומען אין זיך דאָס שווייגן פון מענטשן מער ווי זייער ריידן. שוין דעמאָלט האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז פון ליידן וועט קומען עפּעס גרויסעס און וואונדערלעכעס; און ער ענדיקט דאָס ליד מיט די שורות:

און איך דער ערשטער וועל דערזען דאָס וואונדערלעכעס, גרויסעס
און מער פון מענטשן עס נישט קענען פאַרבאָרגן;
פון טיר צו טיר, פון שויב צו שויב וועל איך זיך קלאַפּן
און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פרימאָרגן.
איך ווייס נישט ווער עס האָט מיך אויסדערוויילט פון אַלע,
און פרעמד, פאַרשעמט פון אַלעמען דערווייטערט,
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ האָב איך, פאַר גוט עס אָנגענומען,
מיין יוגנט אין ערוואַרטונגען געלייטערט . . .

זיין ניט וויסן, ווער עס האָט אים אויסדערוויילט, און פאַרוואָס מען האָט אים אויסדערוויילט — שטערט נישט דעם דיכטער אין דער זיכערקייט זיינער, אז ער איז פון עמיצן פאַרט אויסדערוויילט געוואָרן. און ביידע: דאָס נ י ט וויסן ווער עס איז אַזוינס דער אויסוויילער, וואָס דערוויילט, און דאָס ז י כ ע ר ע ו ו י ס ן, אז ער, דער דיכטער, איז אויסדערוויילט געוואָרן, זיינען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דעם גאַנצן וועזן, פאַר דער פערזענלעכקייט פון דעם דיכטער לייוויק, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט צו זיך אליין און צו אונדז.

* * *

זיין דיכטערישע פּערזענלעכקייט האָט פון קינדוויַיז אָן געפילט טיפע כוונה אין קאָסמישן באַשאַף. דער דאָזיקער געפיל קומט צום אויסדרוק אין זיין ליד „די טיפע כוונה״, געדרוקט אין זיין בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים״, אין 1955.

מיט יאָרן און יאָרן און יאָרן צוריק,
ווען דו ביסט געווען נאָך אויף יענער זייט לעבן,
שוין דאן האָט אויף דיר דעם באַשעפערס א בליק
געקוקט, און געשטאַלטן א שלל דיר געגעבן.

— — — — — — — — — — — — —

און דאָס איז געווען אויף דער ערד דיין באַרוף —
די טיפע כוונה ביים ווערן געבאָרן:
אויף שלל פון געשטאַלטן צו אָנטאָן א גוף
און דורכברענען זיי מיט דעם פלאַקער פון יאָרן.
צי יאָרן מיינט יונג זיין, צי עלטער פון אַלט —
זיי שליסן צוזאַמען א גורלשן עיגול,
ביז וואַנען דו ווערסט אַן אחדיק געשטאַלט
געלייטערט אין פייער פון גופישן טיגל.

דער זעלביקער געפיל געפינט אויך א דיכטערישן תיקון אין די לעצטע שורות פון ליד „איך הער א קול״.
דער דיכטער הערט אַ קול וואָס זאָגט:

... זינט ס׳האָט גאָט
די וועלט פאַרפעסטיגט אין יסוד,
באַגלייט דעם מענטש גאָטס אייביקער געבאָט:
— דיין שליחות ניט פאַרדאַרב,
ערשט שטאַרבנדיק פאַרשנייד מיט מיר דיין בונד
און — ארב.

---

**ווערט אַ בויער און אַבאָנענט פאַר דעם זשורנאַל „חשבון״.**

---

אַלטער עסעלין

# פֿון דעם וואָס מ'לאַכט

אַ מענטש וואָס וואוינט אין אַ פֿינצטער הויז,
וואו די זון טוט אַ שפּרונג, ווי אַ פֿלעדערמויז,
אַריבער דעם דאַך, דעם שמאָלן פּאַס,
וואָס מ'רופֿט הימל אויף אָרעמגאַס.
און אַ מיסטבאַרג ביים פֿענצטער הויך ווי אַ בוים,
וואָס אפֿילו דער פֿראָסט אין שבט
פֿאַרטרייבט ניט דעם אַראָמאַט פֿון אים.
איז אַ חידוש וואָס דער מענטש איז קראַנק
און שלאָפֿט שוין ליבער אין פּאַרק אויף אַ באַנק.

איז וואָס אַז ער פֿאַרקוקט זיך אַמאָל אויף דער לבנה
מיט אויגן הייסע, ווי אַ קינד אויף אַ מאַמע־פּנים.
וויל מ'זאָל אים גלויבן,
אַז ער זעט שיינקייט אויבן
און גייט אַוועק שפּאַצירן מיט די שטערן.
דאַרף עס אַרן ווּעמען?
צי דאַרפֿט איר זיין ווייב און קינד דערנערן?
פֿאַרוואָס זאָלט איר אַ קראַנקן מענטש פֿאַרשעמען?
מיט שמייכעלעך אַזוינע?

איז וואָס אַז ער שלעפּט זיך אַרום אין בולוואַרן
מיט לידער (אפשר זיך אַליין צו נאַרן)
און לייענט זיי פֿאַר אַ גאַס־לאַמטערן,
וואָס גלאָצט אַראָפּ ווי אַן אויג פֿון אַ גנאָם;
צי דערפֿאַר וואָס ער טראָגט קליידער אַזוינע,
וואָס שענערע זעט מען אין אַ שמאַטע־קראָם,
דאַרפֿט איר לאַכן פֿון אים, ער זאָל עס הערן
און שווערער מאַכן זיין לעבן דעם שווערן?

איך האָב נאָר מורא, אַמאָל אין עקסטאַז,
ווען ער וועט פֿאַרהערן דעם גרילץ פֿון אַ האָרן
פֿון אַ לימוזין, און מ'וועט אים איבערפֿאָרן
אין מיטן גאַס,
און ביז דער קברן וועט קומען מיט דער טהרה־ברעט,
קען זיך נאָך אָפּרייסן דער לידער־מבין,
אים קרוינען און לויבן — ווי ער וואָלט אַנטדעקט
אַ צווייטן יהודה הלוי'ן —
אַ ביסל צו שפּעט.

י. פרידלאַנד

# מסירת-נפש

(דערציילונג)

גרויסע משופּע׳דיקע בערג האָבן אַרומגערינגלט דעם ברייטן טאָל, פונם קליינעם יידישן יושב, וואָס האָט זיך איינגעגלידערט אין דעם ווייטן ווילדן מערב. אָט די גרויסע, הויכע, כמעט הוילע בערג, האָבן געטורעמט צו די בלויע הויכקייטן און דערוועקט אַ גרויס נייגער ביי אַ טייל פון די איינוואוינער אין טאָל.

— וואָס איז דאָרטן ,אויף יענער זייט, אַריבער דעם האָריזאָנט פון די בערג? — האָבן די ניי אַריבערגעקומענע „סעטלערס״ זיך געחידושט . . . איז דאָרטן אַ טרוקענער, פּוסטער חלל, אָדער אין די טיפקייטן זייערע איז פאַראַן וועגעטאַציע, וואַלד און אַנדערע אויסטערלישע נאַטור דערשיינונגען? . . .

אויף זיי, די נאָר וואָס אַריבערגעקומענע, וועלכע האָבן פריער געלעבט אויף דעם פלאַך-לאַנד אין די מזרח שטעט, פון דער אַמעריקאַנער צעשפּרייט-קייט, האָבן אָט די הויכע מאַנסטער בערג אַרויסגערופן געמישטע שטימונגען און געפילן . . . אַ טייל האָבן געפילט, ווי זיי וואָלטן געווען איינגעשלאָסן אין אַ מעכטיקער פעסטונג און אָפּגעריסן פון דער גרויסער ברייטער ציוויליזירטער וועלט; און, ווי אַ פּועל יוצא פון דעם ווערן זיי ניט זעלטן פאַרכאַפּט פון אַ געדריקטער שטימונג און מיט אַ בייגקשאַפט צו דאָס וואָס זיי האָבן געלאָזן הינטער זיך; בעת אַנדערע ווידער האָבן געפילט, אַז דווקא דאָ, אין דעם ברייטן פרייען טאָל, מיט די הויכע בערג, ווי זייגע שומרים, אונטער אַ ליכטיק בלויען הימל און ביי די בלויע זילבער לבנה נעכט, ווייט פון דעם שטאָטישן געטומל, גערודער און געדיכטקייט פילן זיי זיך זיכערער, געמיטלעך רואיקער און גייסטיק פרייער . . .

ביי דעם שויס פון דער מאַמע-ערד האָט אַזעלכער געפילט, אַז ער איז אַ טייל פון דער נאַטור און פון דעם גאַנצן אַרום . . .

וועגן אָט די גרויסע משופּעדיקע בערג, און אין זייער מיסטישער קיניג-רייך, פון יענער זייט, איז אין דעם טאָל דערציילט געוואָרן, אַז אין די טיפענישן זייערע, זיינען פאַראַן וואונדערלעכע דערשיינונגען וואָס במשך די צייט-אַלטער, האָט די נאַטור מייסטעריש אַרויסגעבראַכט כלערליי פאָרמען און געשטאַלטן, ווי נאָר פון אַ קינסטלער-האַנט געשאַפן . . .

געוואַגטע נאַטור מענטשן און פּיאָנערן האָבן שמאָלע וועגן אויסגעשניטן, כדי קאָנען צוצוקומען צו אָט די וואונדערלעכע נאַטור דערשיינונגען פון גאָטס יצירה: פון די קאָליר-זאַמדיקע פעלזן האָט זיך אויסגעפורמט כלערליי פיגורן, געשטאַלטן, מענטשלעכע סילועטן און חיהישע, ווי אויך טורמדיקע קאַטעדראַלן, קאָלאָנעס און פאַרשיידענע אָביעקטן, ווי זיי וואָלטן געווען איבערבלייבעכצן פון אַן אונטערגעגאַנגענער, אַלט-פאַרצייטיקער ציוויליזאַציע.

אין די ווייטע טיפענישן פון אָט די פאַרכישופטע בערג, האָט אויך אַ קרום משופּע׳דיקער שמאָלער וועג, געפירט צו אַ געדיכט באַוואַלדערטן באַרג, מיט שוואַר-שטאַמיקע סאָסנאָווע ביימער, און גאָר ביים סאַמע הויך, אין איינעם

פון דער קייט פון די בערג, וועלכע די פּאַרמערס פון טאָל האָבן גערופן דער „טיוולס מויל" זיינען געוואַקסן גלייכע, שלאַנקע ביימער, וועלכע זיינען זייער אַ ניצלעך געהילץ, פּאַר כלערליי נויטיקע זאַכן, אין וועלכע די פּאַרמערס באַנויטיקן זיך. דאָס געהילץ איז גוט געווען פּאַר שטאַלן פּאַר די בעל־החיים, שפּייכלערס פּאַר די תבואות און אויך פּאַר צוימען אַרום די פּאַרמס און נחלות. צוצוקומען אָבער צו אָט דעם משופּ'עדיקן הויך־פּונקט פון דעם באַרג־וואַלד, איז געווען אַ גרויסע געוואַגקייט, און אונטערוואַרפן צו אַ טויט־סכנה. ווייניק האָבן געהאַט די דרייסטקייט און דעם מוט אַזאַ נסיעה אונטערצונעמען. דערציילט ווערט, אַז ניט איינער, אַרונטעלאָזנדיק זיך פון יענעם משופּעדיקן באַרג־וועג, האָט זיין לעבן פּאַרלאָרן. פּאַר דעם רוב פּאַרמער פון טאָל, אַפילו פון די אַלט איינגעזעסענע, און גאָר באַזונדער פּאַר די, פון דעם קליינעם יידישן ישוב, איז אַזאַ שריט געווען אַ משונה'דיקע פּאַנטאַזיע . . .

איינער אַזעלכער, וואָס האָט געוואַגט און געווען איינשטעלעריש אַזאַ זאַך יאָ צו טאָן, איז געווען — ב ר ו ך ! ברוך דער גרויסער, אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן. ברוך איז געווען אַן אויסטערלישער, אינטערעסאַנטער טיפּ ביז גאָר; הן אין זיין אויסזען, אין געשטאַלט, הן אין כאַראַקטער. אַ גרויסער, אַ הויך געוויקסיקער, אַ ברייט,פּלייצייקער, שטאַרקע געזונטע מוסקולען מיט שאַרף קאַנטיקע געזיכט־ציגע. אין קעגנזאַץ צו זיינע יידישע שכנים פון ישוב, האָט ער אויסגעזען ווי אַ ריז. געווען איז ער אויך אַ פּשוטער, אַ פּראָסטער האָראָפּאַשניק. ביים ערשטן אָנבליק וואָלט מען אים גיכער אָנגענומען פּאַר אַ „גייטיוו", אַ הי־געבוירענער, וואָס איז אויסגעוואָקסן און מיטגעוואָקסן אויף דער פרייער ברייטער נאַטור, זיך געפּיטערט דאָ אויף פעלד און באַרג, און איז ווי אויסגעהאַמערט געוואָרן פון דער היגער בערגיקייט — אַ טיפּישער פּויער און אַ קאָנטיקער נאַטור־מענטש . . . אין צוגאָב צו דעם האָט אים די השגחה באַשאָנקן מיט אַ נאַטירליכער אינטעלעגענץ און פּאָלקס חכמה. זיינע מעשה'לעך וואָס ער פלעגט דערציילן אין די פרייע אוונט־שעה'ען, ביי אַ דרויסן־פּייער, פון זיין קליינשטעטלדיקן לעבן ערגעץ אין אוקראַינע, האָבן אַרויסגערופן ביי אַלעמען אומגעהויער אינטערעס און הנאה.

ברוך איז געווען באַליבט ביי דעם קליינעם ישוב, טאַקע פּאַר זיין פּשטות, פּאַר זיין פלייסיקייט און זיין נאַטירלעך איבערגעגעבענעם אידעאַליזם ביז מסירת נפשדיקייט . . .

אים איז למשל נישט אָנגעגאַנגען די דיסקוסיעס איבער די אַזויגערופענע אויסטייטשונגען פון די טעאָריעס וועגן דעם צוריקער פון יידן אויף ערד און לאַנד־ווירטשאַפט. אָן קלוגע רייד, אָן פּשטלעך האָט ער געפילט, אַז ס'רופט אים צום לאַנד! אַז דאָ, ביים שויס פון דער מאַמע־ערד וועט ער זיך קאָנען גאַנץ און קרעפטיק אויסלעבן . . . איז ער געקומען אַהערצו, ווי אַ צאָל אַנדערע, אויף אָט דעם ווילדן באָדן, וואו קיין מענטשלעכע פוס האָט ביז דאַן ניט באַטראָטן, און קיין אַקער־אייזן האָט נאָך אָט די רוי־ערד, ניט אויפגעבראָכן . . .

גרויס און שווערמאַסיק ווי אָט דער ברוך האָט אויסגעזען, האָט ער נאָך שווערער אויפן לאַנד געאַרבעט. אין פּאַרגלייך מיט די שטאָטיש דענערווירטע, שוין האַלב אויסגעמאַטערט פון דער שטאָטישער פּראַצע, האָט ער זיך דאָ, צווישן זיי, ווי אַ ריז אָנגעזען און איז אויף דעם לאַנד אַן אמתע ברכה געווען.

ער איז תמיד אַזאַ זיכערער אין זיך געווען! ווען ער האָט, צום ערשטן מאָל, די סאָכע אין דער ווילד פאַרוואָקסענער ערד אַריינגעגראָבן, האָט דער קאַלטער, בלאַנקער, שטאָלענער מעסער גאַנצע פלאַכטן טרוקענע ברוינע ערד ארויס־געהויבן, אַ דריי געטאָן דעם אַקער און ראַפּטאָם איבערגעקערט: לאַנגע, גראַדע שרונטן ערד האָבן זיך אויף דעם פעלד קעגן זון געשוואַרצט, און ווי שווימנ־דיקע כוואַליעס, האָבן זיי די טרוקענע פון זון פאַרברענטע ווילד־געוויקסן פאַרפלייצט און אין דער איינגעווייד פון דער ערד אַריינגענומען.

אַלע האָבן אים באַוואונדערט, אים מקנא געווען אויפן כוח וואָס ער פאַר־מאָגט, הנאה געהאַט פון זיין אויסערגעוויינלעכן מוט און פלייס. כמעט מיט התמדה פלעגט ער ארומפּאַדן ארום זיינע פערד און קי. פאַר דעם רוב פון זיינע שכנים איז די אַרבעט געווען די ערשטע צייט ביי, פרעמד און שווער, פאַר אים — גרינג און כמעט שפּילעוודיק. אין אָנהויב, איידער מע האָט אים דאָ גוט דער־קענט, האָבן געקוקט אויף אָט דעם פּראָסטן, מגושמדיקן יידן מיט „ביט וויניק, ביטול; אָבער באַלד האָט מען איינגעזען, אַז ער, וואָס איז געווען איינס מיט דער ווילדער ערד און מיט אַלץ אַרום אים האָט זיך מיט אַמאָל אין אַלעמענס אויגן אַ הויב געטאָן, ווי אַ טורם איבער אַלעמען; דאָ, אויף דעם לאַנד, וואו האַראָ־וואניע איז געוואָרן דער עצם פון זיין און געדייען, איז אָט דער פּראָסטער האַראָפּאַשניק, דער חשוב׳סטער און ניצלעכסטער געוואָרן, און מע האָט מיט אַמאָל אָנגעהייבן אים אַרויסווייזן גרויס אָפּשיי און דרך־ארץ.

דער ווילדער באַדן, האָט ביסלעכווייז אָנגעהייבן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיקל ישוב: דאָ און דאָרט אַ כאַלופּקע אָדער אַ שטיבל, אַ שפּייכלער און אַ ברונעם, וואָס ער האָט געהאָלפן אויפשטעלן; און אָט זעט מען אים בא דער אַרבעט אויף אַ גרויסער שטרעקע צעאַקערטע ערד, ריין פון ווילד־גראָז, פאַרטיק צום פאַרזיי, און די ערד ביי אים זעט אויס אַזוי ריין, אויסגעקעמט און פאַר־פוצט, ווי אַ פרומע יידישע טאָכטער ערב שבת . . .

צווישן די צעאַקערטע, גראַדע און לאַנגע שרונטן ערד, ביים אַריינפלוס פון דער קינסטלעכער באַוואַסערונג, גייט ער אַרום, ברוך, אַזאַ הויך אויסגע־צויגענער מיט אַ לאָפּעטע אויפן אַקסל, ווי אַ סאָלדאַט אויף פּאַטרול מיט אַ ביקס, און גיט אַכטונג, אַז אַלץ זאָל צוגיין ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אז אין יעדן בייט און שורה זאָל דאָס וואַסער ווי געעריק אַריינפליסן. ער זעט ווי ס׳גליטשן זיך די זילבער־וואַסער ריטשקעלעך צווישן די צעאַקערטע שורות ערד, וואָס איז פאַרזייט מיט ווייץ און האָבער, און זיין האַרץ ווערט איבערפילט מיט פרייד. ער צעוואַקסט זיך ממש מיט די יונגע שפּראָצונגען, מיט דער רויער, פייכטער און וואַרעמער ערד . . . און ברומט אונטער פאַר זיך אַ שטילע תפילה צום בורא פון אַלץ . . .

ברוך איז באמת געוואָרן דער מוסטער און מאָדעל פונם קליינעם ישוב. ווען די גויישע פאַרמער־שכנים פון טאָל פלעגן אַרונטערקומען, אויס נייגעריקייט, כאַפּן אַ קוק ווי אַזוי די יידן גייען דאָ אָן מיט זייער אַרבעט, האָטן כסדר ברוכ׳ן אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פון אַן ערד אַרבעטער; זיין פערמע זיי געוויזן, מיט זיין קענטעניש זיך באַרימט און געגרויסט. כאָטש די מערסטע האָבן זיך שוין ביסלכווייז „איינגעבראָכן״, אָבער צו ברוך׳ס נאַטירלעכן צובונד צו דער ערד און אַרבעט, האָט מען זיך נאָך נישט געקענט דערהייבן. האָט ער עפּעס

נאָר באַמערקט אַ נייעם וועג, אַ נייעם שטייגער אין לאַנד־ווירטשאַפט, ביי די גוישע שכנים, האָט ער עס באַלד אויפן שטעל, מיטן פשוטן שכל משיג געווען, אויפגעכאַפּט און נאָכגעטאָן.

גרויס און פאַרשפּרייט איז געוואָרן ברוך׳ס נאָמען איבערן גאַנצן טאָל. „די ביג דזשו״, אַזוי האָבן אים די ניט יידישע שכנים גערופן. ער איז פאַרעכנט געוואָרן ווי אַ געניטער, פייאיקער און האָראָפּאַשנער פאַרמער, אַפילו ביי די אַלט איינגעזעסענע טאָל און בערג פאַרמער.

זיין אַ פאָלקאָמנער אויסגעפּרובירטער פאַרמער, אין ווילדן וויטן מערב, האָט ניט נאָר געמיינט טאָן כלערליי שווערע ארבעטן אין דער היים, אויף אייגענעם לאַנד, נאָר אויך זיין דרייסט איינשטעלעריש. זיך לאָזן אַמאָל אויף מסירת־נפש, זיך אַמאָל אַ שפּיל טאָן מיטן טויט אויך. איינע פון די געוואַגטע בריהשאַפטן ביי די דאָרטיקע בערג און טאָל פאַרמער איז געווען ארונטערלאָזן זיך פון יענעם הויכן בארג, איבער זיבן טויזנט פוס הויך, מיט אן אָנגעפּאַקטער פור האָלץ, וואָס מע פלעגט טאַקע אויף יענעם משופּעדיקן באַרג אָנהאַקן גוט אָנ־פּאַקן, פארשטריקעווען און אַרונטערפירן.

ברוך׳ן האָט עס פונדעסטוועגן ניט איבערגעשראָקן. ער פלעגט רק טענהן, אז ער מוז נאָך ווען עס איז, ארויפפאָרן צום „טייוולס מויל״ און אַרונטערפירן פון דאָרטן אַ פור געהילץ. זיינע שכנים האָבן געלאַכט און געחוזקט פון זיין השגה. זיין אַמביציע אָבער איז געווען, צו באַווייזן, בעיקר די ניט יידישע שכנים, אַז אויך יידן קענען זיין געוואַגטע מענטשן. חוץ מזה האָט ער זיך טאַקע זייער גענויטיקט אין אַזאַ געהילץ, אָט וויל ער א שפּייכלער בויען, שטאלן פאר זיינע פערד און קי.

קויפן ביי די גוישע שכנים דאָס נויטיקע געהילץ, אָפּגערעט פון דעם וואָס ס׳איז בישט געווען קיין מזומנים מיט וואָס צו קויפן, איז פשוט ניט שייך, האָט ער געטענהט: — וואָס וועלן זיי זאָגן, די גוים? — יידן זיינען פּחדנים, שרעקעדיקע מענטשעלעך ! . . .

דער געדאַנק אראָפּצוברייינגען אַ פור געהילץ פון דעם „טייוולס מויל״ האָט זייער שטאַרק באַשעפטיקט זיין מוח, אַ סך מערער ווי מע האָט זיך באמת געקאָנט פאָרשטעלן.

סוף זומער, נאָך שניט־צייט און דרעש צייט, זיין ביסל תבואה האָט ער שוין געהאַט אַראָפּגענומען, זיין לעצטן שניט אַלפאַלפאַ שוין אויך אַראָפּגענומען, אַראָפּגעפירט פון פעלד און געסטויגט נעבן הויז. אָפּגעטאָן די מערסטע דרינגנדי־קע אַרבעטן, האָט ער ערנסט גענומען טראַכטן וועגן דער געוואַגטער נסיעה.

ווען דער האַרבסט האָט זיך שוין געהאַט היפּשלעך איינגעפונדעוועט, די עטלעכע שיטערע בוימעלעך, ביים ברעג פון דעם שמאָלן ברודיקן טייך, האָבן זייערע געל־גרינע בלעטעלעך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן; ווינטן און פרימאָרגן פרעסטלעך זיינען געוואָרן אָפטע באַזוכער, ברייינגנדיק די קאַלטע בשורה פון באלדיקן ווינטער; אין יענע טעג האָט ברוך באַשלאָסן, איידער די שווערע שנייען לייגן זיך אויף די וועגן, זיין פאַרטראַכטן געוואַגטן פלאַן דורכצופירן. ער האָט מיט קיינעם מכוח דעם ניט גערעדט, ביי קיינעם קיין עצות געפרעגט און פאר קיינעם זיין סוד נישט אַנטפּלעקט.

אין אַ קאַלטן פראָסטיקן פאַרטאָג, ווען אַלץ אין טאָל און אַרום, סיי מענטש

און חיה איז נאָך געשלאָפן, אַלץ איז נאָך געווען אַזוי שטיל און סודותדיק, ווי די בלויע בערג, מיט זייער אייביקן סוד . . . געעהרט האָט זיך בלויז, מאָמענטנ־ווייז, דאָס וויינענדיקע וואָיען פון דעם הונגעריקן „קאיאָט" אין די נאָענטע פוס בערג. אין יענעם מאָמענט האָט זיך ברוך גרייט געמאַכט: איינגעפּאַקט אַ קלימעקל צידה לדרך, מיטגענומען שטריק, האַק און זעג, איינגעשפּאַנט צום גרויסן וואָגן זיינע סוסים און איז שטיל, אומבאַמערקט פון קיינעם, צום „טייוולס מויל" זיך אַוועקגעלאָזט; דאָרטן, וואו די לאַנגע גלייכע סאָסנעס וואַקסן . . . זיין שוואַרצער קודלאַטער הונט „ניק", פאַרשטייענדיק דעם ערנסט פון זיין באַלעבאָס עובדה, איז שטיל אָן אַ ביל נאָכן וואָגן נאָכגעלאָפן.

---

צוויי גאַנצע מעת־לעתן, האָט דער ישוב פון ברוך'ן נישט געהערט. אַלע זיינען זייער אומרואיק געוואָרן. דאָס יאָמערן און קלאָגן פון זיין פרוי און קינדער האָבן אַ שטיין געקאָנט רירן. מע האָט באַין אופן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל אַזאַ געוואַגטע נסיעה אַליין אונטערנעמען.

אויף דעם אַלאַרמירנדן רוף און טרעוואָגע, האָבן די אַרומיקע פאַרמער קיין סך ניט געקענט העלפן. קיינער פון זיי האָט אים לעצטנס נישט געזען, ניט אין טאָל און ניט אין די בערג. האָבן אַ גרופּע פאַרמער זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון די גרויסע בערג, דאָרטן וואו דער „טייוולס מויל" געפינט זיך, אפשר וועט מען אים דאָך ערגעץ באַגעגענען אָדער אויף די שפּורן זיינע זיך אָנשלאָגן.

ווען מע איז טיף אין טאָל פון די בערג אריינגעפאָרן און זיך דערנענט צום צופוסנס פון דעם גרויסן משופּעדיקן באַרג, האָט מען דערזען פון וויטנס נאָך, אַ גרויסן, לויז געפּאַקטן וואָגן מיט געהילץ, פון גרויסע לאַנגע אָפּגעטעסעטע דראָנגן. ס'איז זיי תיקף קלאָר געוואָרן און צוגלייך קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצן . . . צוקומענדיק נעענטער האָט מען ברוך'ס וואָגן דערקענט. לויט דעם צערודערטן געהילץ אויפן וואָגן, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז עפּעס גאָר ערנסטעס האָט מיט אים זיכער פּאַסירט.

אַביסל וויטער פון וואָגן, אויף אַ פלאַך פון דער ערד, זיינען אויך געשטאַנען זיינע צוויי פערד, מיט לויזע כאָמאָטן, צעריסענע לייצעס און צעשראָקענע, דאָס ווילד־גראָז געגריזשעט . . .

מיט באַנומענע קולות האָבן די לייט זיך פאַנאַנדערגעשריגן:

— ברוך! ברוך!! ב־ר־ו־ך ! ! !

בלויז דאָס ווידערקול האָט זיך אומגעקערט.

קלעטערנדיק אַלץ העכער אויפן באַרג־וועג, האָבן זיי מיט אַמאָל דערהערט „ניקין", זיין הונט, בילן . . .

מיט ווילדן אימפּעט און פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט קלעטערן אַלץ העכער און העכער.

אויפן מיט־וועג פון באַרג, האָבן זיי ברוך'ן אַ טויטן, אַ פאַרגליווערטן געפונען: מיט אַן איבערגעריסענער פערד־לייצע, פאַרשטייפט אין אַ פאַרגליווערטער האַנט; מיט אַ צעדריקטער ברוסט פון דער שווערער וואָגן־משא געהילץ, וואָס איז איבער אים איבערגעפאָרן, איז ער געלעגן מיטן פנים און אָפענע פאַרגלאָזטע אויגן, צום הימל געווענדעט . . .

**אהרן ניסענזאָן**

# מעשה בראשית

די צייט איז איצטער אָנגעפילט מיט ווערן,
געפּאָרן לויערן און מאָניען אָן אַ ברעג;
רמזים פינקלען אין די נעכט, ווי שטערן,
מיט סודות זיינען אָנגעלאָדן טעג.

ישראל שפּאַנט. דער בליק — צו ניי־געשיכטע,
אין אַלטער וויזיע, מיט נייעם ליכט באַהעלט;
דער וועג פון לאַנג פאַרלייגט, און קלאָר די ריכטונג, —
דער גאַנג צום סאַמע האַרץ איז פון דער וועלט.

עס בענקט דאָס האַרץ אָן אויפהער נאָך דערלייזונג,
נאָך ניי־געבורט פון דער געשיכטעס טראַכט, —
ס'איז פול דער טאָג מיט אַזאַ מאָדנעם ברויזן,
אין ווײ־געשרייען פינצטערט אויף די נאַכט.

נאָר הער, נאָר הער, ס'געשריי פאַרגייט אין שירה, —
אַז וואויל דעם אויער וואָס פאַרנעמט דעם קלאַנג, —
אין וויטסטער־ווייט שפּילט שדי אויף אַ לירע
אַן אַלט־ניי ליד, אַ כישופדיק געזאַנג,

און שטיל, ווי אַ פאַרליבטנס סערענאַדע,
זאָגט צו נאָך קיינמאָל ניט געאָנטן גליק;
דאָס רופט ער די געליבטע — זיין באַלאָדע,
די לאַנג־אַוועקגעוואַנדערטע, צוריק.

שטעלט אָן די הערצער און שטעלט אויף די אויערן,
פאַרנעמט אין ברויז דאָס רממה'דיקסט געבענטש, —
ס'פאַרענדיקט די געשיכטע דאָס געבוירן,
ס'גייט שירה אויף, און ס'איז איר נאָמען — מענטש.

---

מיט געבויגענע קעפּ, צעוויטיקטע פון צער און טרויער אויף דער גרויסער אבידה, האָט מען אים אין טאָל צום ישוב אַראָפּגעבראַכט.

באלד האָט זיך די טרויעריקע בשורה פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן טאָל און אַרום — דער „טייוולס מויל" האָט שוין ווידער אַ קרבן איינגעשלונגען . . .

צו זיין לויה איז די גאַנצע שכנה'שאַפט פון טאָל זיך צוזאַמענגעקומען. ביים זוים פון זיין פאַרם האָט מען אים צו קבר ישראל געבראַכט.

אויף דער איינזאַמער ערשטער און אפשר לעצטער יידישער מצבה, אין האָט דעם פאַרוואָרפענעם ווילדן טאָל, האָט מען אויפגעשריבן דעם עפּיטאַף:

פ"נ

ברוך בן אברהם, אַ זון פון אונדזער וואַנדער־פאָלק, אַ פּשוטער האָראָפּאַשנער ייד, מיט אַ גרויסער יידישע נשמה, איז געגאַנגען אויף מסירת־נפש און אומגעקומען צוליב דער דערהייבונג פון דעם יידישן נאָמען . . .

נח גאָלדבערג

# „אמר רבי אליעזר”

ד ע ר צ י י ל ו נ ג

שמוליק, שפּרינצע דער אלמנה׳ס זון, און איטשע לייב, דער ישיבה־בחורל, האָבן צוזאמען „געגעסן טעג” ביי יעקב דעם פּאַטשטאָוויק. אלע דינסטיק האָבן זיך די בחורימלעך אָנגעטראָפן ביי דער פּאַטשטאָוויכע אין דער גרויסער קיך, און מיט ארונטערגעלאָזטע קעפּ — געשטאנען אַזוי לאַנג, ביז די באַלע־באָסטע האָט זיי גערופן צום טיש.

ביים עסן האָט דאָס ישיבה־בחורל געשלונגען גרויסע, כמעט ניט צע־קייטע ביסנס, ווי ער וואָלט זיך וועלן אָנעסן ביזן קומענדיקן דינסטיק, און אפילו ניט אומגעקוקט זיך אין שמוליק׳ס זייט, וואָס כאָטש ער האָט געגעסן פּאמעלעך, האָט ער אָבער אלע ווײַלע געכאַפּט אַ פארגנבעטן בליק אויף דעם אַנדערן און געטראַכט: „נאָכן עסן וועט איטשע לייב געוויס צוריקגיין אין קלויז לערנען תורה” . . . און א פארשעמטער, וואָס אויך ער „עסט טעג” ווי דער ישיבה־בחור — האָט ער זיך געוואָרגן מיט יעדן ביסן און געפילט, אַז דאָס עסן געהערט גאָר ניט צו אים, נאָר צו יענעם, וואָס וועט באלד מסתמא ווערן א רב . . .

כאָטש די צוויי בחורימלעך האָבן צווישן זיך כמעט קיינמאָל ניט גערעדט, איז שמוליק׳ן געפעלן געווען איטשע לייבס איידעלער פּנים מיט די גלעקלדיקע פּאות, זיינע דינע, כמעט מיידלשע שטימע ביים בענטשן און ביי שמוליק׳ן אין הארצן איז ארויפגעגאַנגען אַ שטילע און פאַרשעמטע ליבע מיט אַזאַ דינעם דרך ארץ צו אים, וואָס האָט זיך אין ערגעץ ניט אָנגעהויבן און אין ערגעץ ניט אויסגעלאָזט.

שטענדיק, ווען שמוליק איז פארביי געגאנגען די ישיבה, וואו איטשע לייב האָט געלערנט, האָט דאָס אים אזא צי געגעבן אהין, אז ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט הינטערן פענצטער, איינגעהערט זיך צו די „געזאַנגען”, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אינווייניק און זיין הארץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער ניגון קומט גאָר ניט פון דער ישיבה, נאָר ביי אים פון הארצן ארויס.

צווישן די פילע שטימען האָט ער אַלעמאָל דערקאנט איטשע לייב׳ס קול, וואָס האָט ווי אַ וויינענדיקער פלייט, אויסגעזונגען דעם „אמר רבי אליעזר”! „אמר רבי חנינא”! — — — ! ווי אַ פאַרכישופטער איז שמוליק דאַמאָלסט געשטאַנען הינטערן פענצטער און אים האָט פאַרדראָסן אויף זיך אליין, וואָס ער קאָן אפילו ניט דאַווענען און איז מקנא געווען איטשע לייבן וואָס איז געזעסן מיט אלע ישיבה־בחורים צו גלייך און געלערנט גמרא.

אין אַזעלכע מינוטן האָט אים ניט איינמאָל ארומגענומען א חשק ארייננגיין אין דער ישיבה, פארבאהאלטן זיך הינטער דער הרובע ערגעץ און פונווייטן זען און הערן ווי איטשע לייב לערנט דאָס דעם „אמר אליעזר, אמר רבי חנינא”, און ער האָט דאָס ניט געוואגט צו טאָן.

עס קאָן זייער זיין, אַז די גאַנצע זאך האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די פּשוטע פאר ווערטער זיינען פאר אים געווען, ווי הייליקע פּסוקים אין דער

תורה און — אַ סימן האָט ער דערויף געהאַט, אַז איטשע לייב האָט דאָס איבער־געזאָגט איינמאָל און נאָך אַ מאָל און וואָס מער ער האָט זיי „איבערגעזונגען״, אַלץ שטילער און וויינענדיקער זיינען די ווערטער אַרויסגעקומען.

איינמאָל, אין אַ דינסטיקן בייטאָג, ווען ביידע בחורימלעך זיינען צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען פון דער פאַטשטאַוויכעס שטוב, האָט זיך שמוליק אָנגענומען מיט קוראַזש, אַראָפּגעלאָזט די בליקן צו דער ערד און געזאָגט:

— איך האָב אַ סך מאָל געהערט ווי איר לערנט . . . איר זינגט אַזוי שיין, אַז מען קאָן דאָך אויסגיין . . .

איטשע לייב האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט, בלויז אָפּגעמאָסטן שמוליקן מיט אַ קורצן, שאַרפן בליק. אַ הויב געגעבן מיט די שפּיציקע אַקסלען, אויס־געדרייט זיך מיט דער פּלייצע און איז מיט גיכע טריט אַוועקגעגאַנגען צוריק צו דער ישיבה צו.

שמוליק איז געבליבן שטיין מיט אַ צעעפנטן מויל. אַ לאַנגע צייט נאָכ־געקוקט דעם אַוועקגייענדיקן ישיבה־בחורל. אַפּריער האָט אים אַביסל פאַר־דראָסן אויף דער דאָזיקער האַנדלונג, אָבער דערנאָך האָט ער מיטן גראָבן פינגער פון דער נאַקעטער פוס געצייכנט פאַרשיידענע אומפאַרשטענדליכע אותיות אין דעם געלן זאַמד און געטראַכט: „פאַרוואָס זאָל ער ריידן צו מיר, אַז איך בין ניט מער ווי אַן עם־הארץ. דריי זיך אַרום איבער די גאַסן און עס ביי פרעמדע טישן״? . . .

ס'איז געקומען איין ווינטער, אַ צווייטער, אַ דריטער און פינפטער. דורך דער צייט האָט שמוליק שוין פון לאַנג אויפגעהערט „עסן טעג״ און געוואָרן אַ פאָלנער סטאָלער. פאַרדינט אויף דער אייגענער אויסקומעניש און אַרויס־געהאָלפן זיין אָרעמער מאַמען מיט וואָס ער האָט נאָר געקאַנט, איז געווען צופרידן וואָס ער דאַרף מער ניט אָנקומען צו פרעמדע טישן.

אויך איטשע לייב איז ניט געבליבן הינטערשטעליק. כאָטש גאָר אויף אַן אַנדער אופן. דורך די עטלעכע יאָר איז ער אויסגעוואָקסן אַ הויכער און מאָגערער בחור, מיט פאַרחלומטע גרויסע אויגן, וואָס זיינען אָפט געווען רויט פון ניט דערשלאָפענע נעכט. און, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלערנט דריי יאָר אינם היגן קלויז, איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער ליבאַוויטשער ישיבה, גערעכנט דאָרטן ווייטער לערנען און ווען עס איז אפשר ווערן אַ רב אין אַ שטעטל.

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט שוואַרצע וואָלקנס אויפן הימל און איבערן שטאָט האָבן זיך קלאַנגען פאַרשפּרייט, אַז באַלד וועט אויסברעכן אַ מלחמה אויף דער וועלט. און כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט גענוי פונוואַנען די „סלוכן״ האָבן זיך גענומען און ווער ס'האָט זיי פאַרזייט, האָט יעדערער פונדעסטוועגן גערעדט וועגן דעם. און די לופט האָט גאָר גיך פאַרמעקט מיט פּולווער, מיטן גערוך פון קאַרבאָלאַוקע, מיט דזשעגעכץ און סאָלדאַטסקע שינעלן . . .

אַז די מלחמה איז ענדליך געקומען און מען האָט דערקלערט אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, האָט מען, צוזאַמען מיט די „זאַפּאַסניע״ — אויך גענומען די צוואַנציק יעריקע בחורים. צווישן די לעצטע איז אויך געווען שמוליק. מיט אים האָט מען זיך ניט „צערעמאַניעט״ ביים „וואָיענסקן נאַטשאַלניק״, און נאָכ־דעם ווי מען האָט אים געזאָגט: „גאָדיען״, האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין אָרטשע, אין דער ניינטער ראָטע צום דינען.

אין דער נײַנטער ראָטע, וואו שמוליק האָט שוין געדינט אַרום אַ האַלב יאָר, האָט מען אין אַ בײַטאָג אַרײַנגעפירט אַ מחנה רעקרוטן. פון נײַגעריקייט וועגן איז שמוליק דאַמאָלסט צוגעגאַנגען צו אַ הויכן יונגעמאַן, מיט אַ קורץ שוואַרץ בערדל און לאַנגע געדרייטע פאות און ער האָט אַ געשריי געגעבן:

— ר׳ איטשע לייב! . . .

באַ איטשע לייבן איז אַרויסגעפאַלן דער קלומיקל פון האַנט. אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער געקוקט אויף דעם מיטלוואוקסיקן סאָלדאַט, וואָס האָט אים אָנגערופן בײַם נאָמען און ער האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט דערמאָנען, וואו האָט ער דעם מענטשן געזען, כאָטש דער פּנים איז אים געווען קענטליך.

— פונוואַנען ווייסט איר ווער איך בין? ווער זײַנט איר, ר׳ב איד? — — — —

— גאָט איז מיט אײַך, ר׳ איטשע לייב! איר דערקאָנט מיך ניט? איך בין שמוליק, שפּרינצע דער אַלמנה׳ס. מיר האָבן דאָך צוזאַמען „געגעסן טעג״ בײַ דעם פּאַטשטאַוויק. איז וואָס זשע מאַכט איר? . . .

— אָט, זעסט דאָך — האָט איטשע לייב גלײַך אָנגעוואָרן דעם פריערדיקן דרך אֶרץ פאַר אים און איז איבערגעגאַנגען פון „איר״ — אויף „דו״ און אַ געדאַנק איז בײַ אים דורכגעפלויגן אין קאָפּ: „ס׳איז דאָך דער אַמאָליקער עם־הארץ״ . . .

אַ סאָלדאַט איז פאַרבײַ געגאַנגען און באַמערקט ווי בײַ איטשע לייבן איז אַראָפּגעהאַנגען דער אַרבע־כּנפות, האָט ער זיך צעהירזשעט ווי אַ פערד און אָנגעהויבן חכמה׳נען זיך:

— רעבעלע! וואָס ווערסטו טאָן אויפן פראָנט מיט דײַנע ציצית!? . . . שמייסן די דײַטשן? . . .

פלינק ווי אַ ווילדע קאַץ איז שמוליק צוגעשפּרונגען צו אים. מיט די געזונטע הענט אַ נעם געגעבן יענעם בײַם קאָלנער און אויפגעהויבן אים אינדער־הויך ווי אַ שפּענדל:

— מאַך צו דײַן חזרש׳ן פּיסק און לאָז אים צו רו! טאָמער ניט, וועל איך דיר מאַכן קירצער מיט אַ קאָפּ! . . .

דער סאָלדאַט האָט געוואוסט, אַז שמוליק קאָן די מלאכה, איז ער בלײַך געוואָרן. די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן אַרויסשפּאַרן פון די אויגן־לעכער. אַ הילפלאָזער האָט ער געבעטן בײַ אים:

— לאָז מיך אַראָפּ! איך האָב דאָך קיין שלעכטס ניט געמיינט. אָט, אַ „נאָוואָ־בראַניעץ״, האָב איך געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס . . .

אַז ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם סאָלדאַט, איז שמוליק צוגעגאַנגען צו איטשע לייבן, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אַ דערשראָקענער, און מיט פעסטקייט אין קול געזאָגט:

— האָט ניט קיין זאָרג, ר׳ איטשע לייב! מיט מיר דאָ, וועט אײַך זײַן אַ סך בעסער ווי אין אַן אַנדער ראָטע. די ערלים האָבן פאַר מיר אפשיי . . . איך וועל אַכטונג געבן אויף אײַך. מסתמא איז באַשערט, אַז מיר זאָלן זײַן צוזאַמען . . .

פון דעם אופן, ווי שמוליק האָט זיך ספּראַוועט מיטן סאָלדאַט, איז דער ישיבה־בחור געקומען צום שלוס, אַז דאָ אין דער ראָטע איז גאָר שמוליק דער געלערנטער און ער — דער עם־הארץ. דעריבער, ווען ער האָט דערהערט דעם יונג׳ס האַרציקע רייד, איז ער אַזוי גערירט געוואָרן, אַז ער האָט זיך

צעווינט אויף א קול און געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט געקראָגן א נאָענטן מענטשן, וועלכער וועט זיך אין אן עת־צרה — אָנעמען פאר אים, ווי אן עלטערער ברודער פאר א אינגערן.

אויף מאָרגן האָט שמוליק גענומען זיין פּאָרציע ברויט מיט צוקער און צוגעטראָגן צום ישיבה־בחור:

— נאָט, נעמט דאָס, ר׳ איטשע לייב. איך קאָן זיך באגיין מיט אבי וואָס. אָבער איר וועט דאָך קיין טריפות ניט עסן . . .

אַ דאַנק דיר, שמוליק פאר דיין גוט־הארציקייט. עס דאָס אליין געזונטער־הייט. מיין פּאָרציע וועט זיין גענוג פאר מיר. אגב האָב איך דיר געוואָלט בעטן, אַז דו זאָלסט מיר ניט אירצן און רוף מיך ניט „ר׳״ — ווייל ערשטנס, זיינען מיר דאָך אין די זעלביקע יאָרן און צווייטנס, — בין איך ניט בעסער פון דיר און ניט פון קיינעם . . .

די גאַנצע צייט, וואָס די ראָטע האָט זיך געפונען טיף אין רוסלאנד און די רעקרוטן האָבן זיך פון באגינען ביז שפּעט אין די אָוונטן געאיבט מיט ביקסן, מיט גאַז־מאַסקעס און געלערנט זיך ווי צו גיין אויף „אַטאַקעס״, האָט איטשע לייב ניט אויפגעהערט צו האָפן, אַז מיט אים וועט עפּעס געשען א נס און אים וועט מען אויפן „פראָנט״ ניט שיקן. נאָר ווען דער טאָג פון אָפּפאָרן אויפן „פראָנט״ איז סוף־כל־סוף געקומען און קיין נס איז ניט געשען, האָט ער מיט א געבראָכענעם געמיט געזאָגט צו שמוליקן:

— איך האָב מורא צו פאָרן אהין . . . דאָס וואָרט „פראָנט״ שרעקט מיך . . . שווערע געדאַנקען קומען מיר אין קאָפּ . . .

— עט, נאַרישקייטן! האָט אים שמוליק געטרייסט, — ווייסט זיך צוגע־וואוינען . . . מען זאָגט, אַז דאָרטן איז פריילעך . . . טאָג און נאַכט ריידן די הארמאַטן אויף א קול . . . און די קוילן פון די מאַשין־ביקסן זינגען ווי אמתע פויגעלעך . . . דאָרטן וועל איך דיר אויף אַכטונג געבן נאָך בעסער איידער דאָ אין קאַזאַרמע. ווען די מלחמה וועט פאריבער און מיר וועלן זיך אומקערן בשלום אהיים, וועסטו ווידער לערנען אין דער ישיבה. איך וועל ווייטער שטיין הינטערן פענצטער, איינהערן זיך ווי דו וועסט זינגען דיין „אמר רבי אליעזר, אמר רבי חנינא״, און איך וועל זיין שטאָלץ, וואָס איך האָב אַזאַ געלערנטן פריינט ווי דו ביזט.

אין אַ הארבסטיק, רעגענדיקן טאָג האָט זיך די נייַנטע ראָטע פּאַמעלעך געצויגן צום פראָנט״. מידע און שלאַבערדיקע האָבן די סאָלדאַטן געבראַדיעט אין בלאָטע. ווען זיי האָבן דערגרייכט די געהיימע טראַנשייען, איז שוין געווען שטאָק פינצטער. דורכגעווייקטע פון רעגן ביזן ביין, האָבן זיי גלייך פאַרנומען די ערשטע פּאָזיציעס. די ערשטע האַלבע נאַכט איז דאָ געווען אַזוי רואיק, אַז ס׳האָט זיך גאָרניט געגלויבט, אַז מען געפינט זיך אויפן „פראָנט״. נאָר פון שלאָפן איז קיין רייד ניט געווען. עפּעס האָבן די סאָלדאַטן מורא געהאַט פאר דער דאָזיקער שטילקייט, וואָס איז פון מינוט צו מינוט פיינלעכער געוואָרן און געקאַראַבעקט זיך אין אַלע אברים מיט אומזעבאַרע פיס.

דער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער איבער די קעפּ. דער רעגן איז ניט שטאַרקער און ניט קלענער געוואָרן. ער איז געגאַנגען געדיכט און אַזוי פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט אומישנע געוואָלט אויסציען זיך מיט

א פוילן גאַנג, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אויפהערן גיין און דער הימל וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אויסשעפּן פון וואַסער.

אז ס'איז ענדליך אָנגעקומען דער פאַרטאָג און איינער האָט שוין געקאָנט באַמערקן אַן אַנדערנס פּנים מיט די האָפנונגסלאָזע בליקן, האָט זיך אויפן הימל באַוויזן א רויטע ראַקעטע, וואָס איז צעשפּליטערט געוואָרן אין מיליאָנען פאַלנ־דיקע שטערנדלעך. אין דער רגע האָבן פון אַלע זייטן אָנגעהויבן דונערן שווערע און לייכטע האַרמאַטן. די נאַסע ערד האָט זיך א וויג געגעבן, א טרייסל געטאָן. אייזן, צוזאַמען מיט רויך, ערד און מענטש — אַלץ האָט זיך צעזאַמענגעווימלט, אויסגעמישט זיך אין שוואַרצע קנוילן און אַוועקגעטראָגן זיך אין דער לופטן.

— ווי געפעלט דיר די חתונה? די קלעזמער שפּילן ניט שלעכט! עס וועט זיין פריילעך אין שטעטל! — האָט שמוליק מיט א כיוון געוויצלט זיך, כדי דערמיט צו באַרואיקן זיין פריינט, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון אים און געציטערט ווי א בלאַט אין א ווינט.

— איי, שמוליק, שמוליק! ווען דער טויט שטייט פאַר די אויגן טאָר מען זיך ניט וויצלען. יידן דאַרפן זיך טוליען איינער צום אַנדערן, ווי שאָף אין פעלד, וואָס דערפילן, אַז א געפאַר קומט אָן, — האָט איטשע לייב, אַ פּאַרדרוסיקער, געשטראָפט דעם אַנדערן, — און דו שפּאַסט גאָר! בעסער געדאַרפט זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, איידער די נאַרישע רייד . . .

— דו רעדסט אַזוי שיין! — האָט אים שמוליק איבערגעשלאָגן די רייד און אַוועקגעשטעלט די ביקס נעבן זיך, ווי ער וואָלט אָבזיכטליך ניט געוואָלט אריינשטעקן איר אין דער עפענונג פון דער „אָקאָפּע־וואַנט" און שיסן אויף עמיצן — אַז ס'איז א מחיה צו הערן. אָפּנים, אַז אַזוי ריידן אַלע געלערנטע . . . מיר אַיז איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו בעטן דיך, כאָטש דאָ איז ניט דער אָרט און איצט איז ניט די פּאַסיקע צייט דערפאַר, אַז, ווען מיר וועלן קומען אַהיים, זאָלסטו מיר אויסלערנען כאָטש ווי צו דאַווענען פון א סידור. איך וויל ניט בלייבן קיין עם־הארץ דעם גאַנצן לעבן . . .

פון די ווערטער זיינען ביי איטשע לייבן די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. האָט ער איבערגעלאָזט זיין ביקס אין שיס־פּלאַץ, צוגעגאַנגען צו שמוליקן און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יענעמס אַקסל:

— שמוליק! ס'איז זייער שיין, וואָס דו ווילסט זיך לערנען. נאָר וואָס א שטייגער קאָן איך דיר אויסלערנען, אַז אין דיין יידיש הארץ גופא ליגט פאַר־באָרגן די טיפקייט פון תורה. דו פאַרמאָגסט אין זיך די חכמה פון דורות צדיקים און די איבערגעבנקייט פון אדם־לחברו . . . איז וואָס, מיין פריינט, קאָן איך דיך לערנען, אַז אַנטקעגן דיין פּשוטער צידקות און קלוגשאַפט בין איך ניט מער ווי אַ קליין גרעזעלע אין פעלד און פאַרשטיי ניט די וועלט מיט איר שווידערלעכער פירעכץ, וואָס פירט דעם מענטשן צו שלאַכט פעלדער, וואו זיי ווערן אויסגעשאָכטן ווי די שאָף . . .

שמוליק האָט אריינגעשטעקט די ביקס אין שיס־פּלאַץ, צוגעקלעמט זיך צו דער נאַסער „אָקאָפּע־וואַנט", און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער שטייט גאָרניט אין א טראַנשיי, איבער וועלכער ס'פליען אַרום קוילן מיט צעשפּליטערטע שראַפּנעלן און קאָנען צו יעדע רגע אומברייגען הונדערטער אומשולדיקע לעבנס, נאָר הינטער דער ישיבה פענצטער און הערט זיך איין ווי איטשע לייב לערנט.

— אבער פארטייטש מיר כאַטש די פּאָר ווערטער: „אמר רבי אליעזר, אמר רבי חנינא”, וואָס איך האָב דיך אַזוי פיל מאָל געהערט לערנען אין דער ישיבה . . .

אַ צופרידענער איז איטשע לייב צוריק צוגעגאַנגען צו זיין אָנגעזאָגטן אָרט צום שטיין און שיסן אויף די ניט געזעענע דייטשן, און פונווייטן געענטפערט מיט זיין מיידלשן קול:

— דער טייטש דערפון איז — — — אוי! — — — — ! . . .

גראדע האָט דאמאָלסט שמוליק אַרויסגעקוקט דורך דער וואנט שפּאַרונע. אַפּנים געוואָלט זען, וואָס עס קומט פּאָר אויף דעם אַנטקעגדיקן אָרט, וואוהין אַלע רוסישע סאָלדאטן האָבן געשאָסן. נאָר, אַז ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר רגעס און קיין קלאָרער ענטפער איז נאָך אַלץ ניט געקומען, איז ער אומרואיק געוואָרן. ער האָט ניט געקאָנט פארשטיין די אורזאך פון דעם ישיבה־בחור׳ס שווייגן אַזוי לאַנג. האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דערזען, אַז זיין פריינט איז געלעגן אויף דער ערד, איז ער ווי אַן אונטערגעשאָסענער צוגעלאָפן צו אים, אַראָפּ־געלאָזט זיך אויף די קני און געפרעגט און געשריען:

— איטשע לייב! איטשע לייב! וואָס איז מיט דיר געשען?!

דער ישיבה־בחור איז געלעגן אויפן רוקן. אויף זיין געל־געוואָרענעם פּנים און אויפן פארשפּיצטן נאָז זיינען געשטאַנען רעגן־טראָפּנדלעך און דערנאָך אַראָפּגעקייקלט זיך פון דאָרטן. פּונקט ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פארבלייבן אַביסעלע לייגער אויפן רירלאָזן געזיכט. די אויגן, גרויסע און צעדולטע, האָבן ווי פארוואונדערטע „געקוקט” אין ערגעץ און מען האָט ניט געקאָנט טרעפן וואוהין. זיינע שטייפע און ביינערדיקע הענט האָבן זיך איינגעקלאַמערט און דער ביקס, וואָס איז געלעגן אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט־קאַסטן.

די שלאַכט האָט זיך דערווייל איינגעשטילט. פּונקט ווי זי וואָלט שוין זאַט געוואָרן מיט די געפאַלענע קרבנות. די האַרמאַטן זיינען שטום געוואָרן און די ביקסן, מיט די מאַשין־ביקסן, וואָס האָבן ביז איצט געבילט ווי די הינט, האָבן מיטאַמאָל ווי פאַרמאַכט זייערע בייסענדיקע פּיסקעס. קוילן, וואָס זיינען מיט אַ טויטליכן „געזאַנג” פריער געפלויגן איבער די קעפּ — זיינען געבליבן ליגן און אנטלאָפן.

אַ לאַנגע צייט איז שמוליק געזעסן געבן זיין טויטן פריינט. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אין די הענט. געוואָלט וויינען, זענען קיין טרערן אין די אויגן ניט געווען. געוואָלט דערטראַכטן זיך וואָס צו טאָן מיט איטשע לייב׳ס פארקילטן קערפּער, האָט אים דער שאַרבן געדריקט ווי אַ שטיק בליי און ער האָט ניט געקאָנט צוזאמענשטוקעווען די פּיצלעך געדאַנקען, וואָס זיינען געקומען אין די פּאַטראָנאַזשן.

דאַן האָט ער זיך דערמאַנט, אַז ער דאַרף דעם מת טאָן דעם לעצטן חסד און זאָגן תהילים, ווי ס׳פירט זיך ביי יידן. שמוליק האָט אָבער קיין תהילים זאָגן ניט געקאָנט. בלויז געדיינקט די פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט הינטער דער ישיבה פענצטער, האָט ער זיך איצט צעשאָקלט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אַ ישיבה־בחור איבער אַ צעעפנטן ספר און אָנשטאָט תהלים, אָנגעהויבן זאָגן:

— אמר רבי אליעזר! אמר רבי חנינא!! אמר רבי — — — — ! . . .

לוי גאָלדבערג

# אַ חלום

צו אַ באַרג כ׳בין צוגעקומען,
און ווייטער ניט אַ טראַכט צו מאַכן.
אַרויף צו גיין — די כוחות שטומען;
צוריק צו גיין — דאָרט שדים לאַכן.

נעם איך באַלד דעם בורא לויבן:
— אַזאַ חסד פאַר מיין עלטער.
נעמט אַ האַנט צום באַרג מיך הויבן
פון דעם ערדישן באַהעלטער.

און וואָס ס׳געשעט, איז פלאי פלאים.
דער באַרג ווערט פלאַך, און איך טרעט ווייטער.
אָפּגעשיידט פון אַלע ברואים —
ווערט טאַטע מיינער, דער באַגלייטער.

זאָג איך, קינדיש, „טאַטע ליבער,
פאַרוואָס אין וועלט אַזויפיל פיינען?״...
גייט אַ שאָטן אים אַריבער
און צוויי העלע טרערן שיינען.

שטיל ווי פליסטער, קוים צו הערן,
מיט די טרערן קומט אַ רמז: —
„ויהי אור, וועט ווידער ווערן,
ווען די וועלט וועט ווערן אמת״.

— — — —

כ׳האָב צעריסן פונם חלום
אַלע איינגעשטעלטע נעפּלען.
און מיט גלויב פאַר גליק און שלום
אַ ניי ליד גענומען פּרעפּלען.

מ. פּערעלמוטער

# די ערד לעכצט נאָך שלימות

## פאַרצייכנונגען אַרום ניסן ברוסילאָווס בוך „די שטילע ערד"

ווען ניסן ברוסילאָווס ערשטלינג „ביי די טייכן פון פּאלעסיע" איז דערשינען אין יאָר 1953, זיינען די קריטיקער און רעצענזענטן געבליבן שטיין פאַרגאַפּטע: ס'האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַן אַוואַלאַנש פון לויב־געזאַנגען און איינער דעם צווייטן האָט געזוכט אַריבערצושטייגן מיט סופּערלאַטיווע באַוואונדערונגס־אויסרופן אויפן חשבון פון מחבר און זיין ווערק. אַזאַ עשירות, אַזאַ שפע פון וואָרט, קלאַנג, בילד און דערצייל־כוח פון אַ ליטעראַרישן פּנים חדשות האָט אַלעמען געפּלעפּט. דאָס בוך איז גלייך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין סאַמע אויבנאָן פון דער מזרח־וואַנט צווישן די ליטעראַרישע נבחרים.

אין זיין צווייטן, הייאָר (1957) דערשינענעם, בוך „די שטילע ערד" באַווייזט ברוסילאָוו, אַז זיין ערשטלינג איז נישט געווען אַן איינמאָליקע דערשיינונג, וואָס פליט דורך, ווי אַ בליציקער מעטעאָר איבערן ליטעראַרישן פירמאַמענט און פאַרשווינד, — ווי ס'טרעפט, פון ציים צו צייט, אין דער וועלט־ליטעראַטור. „די שטילע ערד" קומט אונדז מעלדן, אַז „ביי די טייכן פון פּאלעסיע" איז געווען בלויז די ערשטע שוואַלב, אַ מין אַדערויף אויף אַ גאַנצער ריי קומענדיקע ווערק, אַ המשך, וואָס באַשטעטיקט שוין און וועט, בלי ספק, ווייטער באַשטעטיקן ברוסילאָווס פענאָמענאַלן טאַלאַנט.

„די שטילע ערד" איז אַ המשך, אָבער נישט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. אַ ריי כאַראַקטערן פון ערשטן בוך וואַנדערן טאַקע אַריבער אין צווייטן, פּרעזערווירן אפילו זייערע אָריגינעלע נעמען און קומען זוכן אַ תיקון אין זייער נייעם גילגול, אָבער „די שטילע ערד" פאַרלירט נישט צוליב דעם איר זעלבסטשטענדיקייט: ס'איז אַ דבר־עצמו־ און אַ יחוס־עצמו־ווערק.

אין ערשטן קאַפּיטל פון בוך באַקאַנט אונדז דער מחבר מיט דער טאָפּאָביאָגראַפיע פון די פּאָלעסיער בלאָטעס. ער דערציילט אין געציילטע, פּרעציזע ווערטער וועגן דעם אומאויפהערלעכן געראַנגל פון דעם אורוואַלד, וואָס ווערט באַדראָט פאַרשליגגען צו ווערן פון די טאָרף־זומפּן, וועלכע פאַרכאַפּן אַלץ גרעסערע שטחים לאַנד און ווי דער וואַלד איז סוף כל סוף מנצח דעם שונא־זומפּ און בלייבט שטיין, אין זיין איבערבלייב, אומבאַזיגט, אין זיין מאַיעסטעטישער גבורה און פּראַכט. דעם־אָ רעשטל וואַלד אויטיליזירט ברוסילאָוו פאַר זיין קרעפּטיקער שילדערונג פון דער נאַטור. ער שטעלט אויף פאַר אונדזערע אויגן אַ געמעל נישט בלויז פונם פּרימיטיוון פאָלקס־מענטש, פון מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק, נייערט אויך פון וואַלד גופא. און נישט נאָר פון וואַלד, נאָר אויך פון די זומפּן, אָזערעס, טייכלעך, סאַזשעלקעס, וואַלד־חיות, געפליגל און פון דער גאַנצער גאַמע פון נאַטור כוחות. ער פילט זיך גאָר היימיש אין דער גרינער ווילדערניש. ס'איז זיין סטיכיע. זי, די קדמון־נאַטור, איז מגלה פאַר אים, ווי פאַר אירן אַ פאַרטרויאונגס־חבר, אירע געהיימע קעמערלעך, אירע אינטימע סודות. בלויז דער, וואָס איז אַליין אַן אוממיטלבאַר־אינטעגראַלער טייל פון איר, איז ראוי דאצו. און ברוסילאָוו איז עס. ער איז דער יידישער העברי דייוויד

טהאָרא, מיטן חילוק, וואָס בעת טהאָרא, דער גרויסער קינסטלער־נאַטוראַליסט, האָט באַגרעניצט זיין האָריזאָנט נייערט צו די צמחים און בעלי חי, שליסט ברוסילאָוו איין אויך דעם מין מענטש אין זיין דערציייל־קונסט. ער איז אויס־געבונדן מיט דער פלאָרא און פאַונא פון דער וואָלינער־פּאָלעסיער ערד. ער רופט אָן יעדן געוויקס, יעדן קרייטעכצל, יעדע בלימל און באַשעפעניש מיטן געהעריקן נאָמען. אויף יידיש־לשון איז עס נישט קיין קליינער אויפטו. די פאַנטאַסטישע שיינקייט פון דער נאַטור־לאַנדשאַפט לאָקט און פאַרלאָקט דעם קינסטלער און ער מאָלט דערציילעריש און דערציילט מאָלעריש די נאַטור און מענטש־סאַגא מיט אַזאַ שפע פון פּרטים, פאַרב און קאָליר, אַז מיר ווערן באַוועלטיקט.

ברוסילאָוו דערציילט מיט אַ געלאַסענעם, רואיקן ריטעם, ווי אַ שטיל־מורמלענדיק טייכל. זיין סטיל איז, גלייכצייטיק, אי פּרעציז־רעאַליסטיש, אי ראָמאַנטיש־סימבאָליש. די קאָנקרעטע, האַרט־ביי־דער־ערד, טריוויאַלע פּראָזע ווערט פון אים באַהויכט מיט אַ נישט־דאָאיק ליכט און דאָס ערדישע ווערט איינגעהילט אין פאַנטאַסטיש־מיסטישע שלייערן.

זיין וואָקאַבולאַרער אוצר פאַרמאָגט אַזאַ פאַבלדיקע עשירות, אַזאַ שלליקן פליץ פון זאַפטיקן וואָלינער יידיש־לשון, אַז דער לייענער ווערט סטימולירט און אָנגעשטעקט. סע גריבלט און שווימלט מיט אַלטע, לאַנג־פאַרגעסענע און אויך מיט ניי־געשאַפענע יידיש־ווערטער. די ניי־געשאַפענע גייען נישט אויף קוליעס, זיינען נישט קיין מאַריאָנעטקעס, נייערט, איבערגעשמאָלצענע אין טיגל פון מאָדערנער לעקסיק, שפּרודלען זיי מיט יאָדערדיקייט און פליסן האַרמאָניש אין אַלגעמיינעם ווערטער־שטראָם. די דאָזיקע אַלכעמיע איז דעם מחבר׳ס סוד.

נישטאָ קיין צעפלאָסנקייט אין דער לאַווינע פון ווערטער. דער קינסטלער־מחבר פאַרגאַלאָפּירט זיך נישט. ס׳איז אַ מערקווירדיקע קאָמבינאַציע פון עק־סטראַוואַגאַנץ און צימצום. קיין איבעריק וואָרט: ס׳ווערט געצאַמט פון מייסטער און דיסציפּלינאַריש געשטעלט אויפן ריכטיקן אָרט. אויך די־אָ קינסטלערישע עובדה איז דעם מחברס סוד.

מיט די דאָזיקע גאָט־געבענטשטע כלי־זיין אין באַזיץ, וויקלט ברוסילאָוו פונאַנדער זיין ברייטן לייוונט און אויפן פאָן פון ווילד־וואַלד הויבט ער אָן דערציילן די סאַגאַ פון דעם מענטשן, די קרוין פון דער נאַטור. דער לייענער־צושויער ווערט פון דער ערשטער מינוט אָן פאַרכאַפּט פון דער פאַבולע און גיט זיך געררנווויליק איבער אין איר רשות פון ביזן סיום הספר.

„איינמאָל האָט זיך דער פרילינג אַ ביסעלע געפּעדערט אין כמורנעם לאַנד פון די זומפּן, ער איז אַראָפּגעקומען אַ ליכטיקער, אַ פאַרקלערטער און האָט אָנ־געריירט מיט זיין בלויען פליגל די הערצער פון צוויי יונגע, איינזאַמע מענטשן...״ — אַזוי־אָ וואָלדיק־שטיל מעשהלע־מעסיק הויבט ברוסילאָוו אויף דעם פאָרהאַנג אי־בער זיין עפּאָפּיי און מיר שליסן באַקאַנטשאַפט מיט זיינע ערשטע צוויי כאַראַקטערן: גאַוורילאַ און פאַראַסקע.

גאַוורילאַ, אַ יונגער פויער, אַן אַטלעטישע געשטאַלט מיט אַ פּאָר וואַסער־בלויע אויגן, אַן עלענדער מענטש מיט אַ צאַרטער, קינדישער נשמה, האָט פאַר־לוירן זיין הויזגעזינד אין דער כאָלערע. ער איז דער שבת־גוי פון יידישן שטעטל, רעדט פליסיק יידיש און צוליב זיינע גאָלדענע הענט און נאָך מער, צוליב זיין

גאָלדן האַרץ איז ער דער ליבלינג פון די יידן. פּאַראַסקע, אַ יונגע שיינע פּוי־ערטע, אַ ברונענדיקע ברונעטין מיט אַ ציגיינערשן טעמפּעראַמענט, אַן אָפּשטאַמ־לונג פון אַ געפאַנגענעם פראַנצויז בעת דעם נאַפּאָלעאָנישן קריג, איז אַ סאָלדאַטקע־עגונה. איר מאַן, סטעפּאַנקאָ, איז אַוועק אין קריג (די געשעענישן שפּילן זיך אָפּ אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה) און מע הערט נישט פון אים. ווי אין וואַסער אַריין. ס׳איז געוועזן אַן אַרויפגעצוואונגענער שידוך. סטעפּאַנקאָ איז איר אָפּשטויסנדיק סיי צוליב זיין מיאוסן אויסזען, סיי צוליב זיין מנובל׳דיקן כאַראַקטער. דער היפּך פון גאַווורילאַן: אַ רשע מרושע.

צווישן די צוויי יונגע מענטשן צעפלאַקערט זיך אַ פייערדיקע ליבע און, היות, די ליבע איז נישט קיין כשרע אין די אויגן פון די שכנים מחמת פּאַראַסקעס ספּקדיקער עגונהשאַפט, געפינען זיי אַ באַהעלטעניש אין אַ פאַרלאָזן שטיבל אין געדיכטעניש פון וואַלד, וואו קיינער שטערט זיי נישט אין זייער עקזאַלטירטער עראַטיק. אַן אדם און חוה עראָטיק. זיי באָדן זיך מוטער־נאַקעטע אין דערבייאיקן טייכל און שעמען זיך נישט מיט זייער נאַקעטקייט. גאַווורילאַ, אין זיין ליבע־עקסטאַז, ווערט פאַרוואַנדלט, אין די אויגן פון פּאַראַסקען, אין אַ וואַלד־גאָט, זי, אין זיינע אויגן, אין אַ נימפע, און זיי טרינקען דעם ליבע־נעקטאַר ביזן דנאָ.

האָבן מיר דעם אידילישן פּרעלוד. פונדאַנענאויס צעוויקלט זיך און צע־שפּילט זיך אַ זיגזאַגישער פאָדעם פון געשעענישן, וואָס ציען אונדז אַריין אין זייער אָפּ־און־צו־פּלוס מיט אַ מעכטיקן כוח, אַזוי אַז מיר געפינען זיך אין אַ כסדרדיקער שפּאַנונג, נישט קיין קינסטלעך אויפגעשרויפטע, נייערט אַ נאַ־טירלעך־אַרויסגעוואַקסענע אין לויף פונם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דעם סאַגאַ.

אויף דער סצענע טרעט אַרויף דער טאָרף־ייד, חיים דער אַרענדאַר. חיים איז באַזעסן פון אַ פיקס־אידייע וועגן אַ באַגראָבענעם אוצר אויף זיין געדונגענער פּאַסעסיע. ער פאַרטרויט זיין אינטים־געצערטלטן סוד צו גאַווורילאַן און בשותפות נעמען זיי זיך גראָבן קאַנאַוועס אין די זומפּן, וואו, לויט דער פאַרשפּרייטער לעגענדע צווישן דער פויערשער באַפעלקערונג, ס׳דאַרף זיך געפינען דער באַ־האַלטענער אוצר. צו זיי שטייט צו ביגוואַלט סטעפּאַנקאָ, דער אומגעריכט־צוריק־געקומענער, פּאַראַסקעס מאַן, וועלכער דערוויסט זיך, מיט דער הילף פון דער דאָרפס־מכשפה, מאַרפאַ, סיי וועגן פאַרראַט פון זיין ווייב, סיי וועגן דער אַוואַנטורע מיטן אוצר. דער קלימאַקס קומט, ווען אין מאָמענט פון געפינען דעם אוצר, ברעכט אויס אַ געראַנגל צווישן גאַווורילאַן און סטעפּאַנקאָן, מחמת דעם לעצטנס פאַרזוך צו פאַרכאַפּן דעם אוצר פאַר זיך אַליין. סטעפּאַנקאָ פאַלט אַ טויטער, ווען ער דערשטעכט זיך אומגערן מיט זיין אייגענעם באַיאָנעט.

גאַווורילאַ און חיים ווערן געטראָפן, ווי פון אַ דונער. די אינוויינעקסטע דראַמע, די נשמה־רעאַקציע הויבט אָן ספּאַזמירן. דער אוצר, וואָס ווייזט זיך אַרויס צו זיין אָנגעשטאָפּט מיט קלויסטער כלי־קודש, מיט גילדערנע צלמים און דימענטענע יוזלס, אָבער אָן גאָלדענע מטבעות און אָן צירונג, ווערט צוריק פאַרשאָטן פון גאַווורילאַן. סטעפּאַנקאָ ווערט באַגראָבן אין אַ דערבייאיקן זומפּ און גאַווורילאַ, אַ צעבראָכענער פיזיש און גייסטיק, איבערלאָזנדיק פּאַראַסקען מיט אַ קינד אונטערן האַרצן, לאָזט זיך מיט דעם תפילה־קרעכץ „אוי ראַטוי באָזשיאַ מאַטי, נע דאַי פּאָגיבאַטו" (אוי, ראַטעווע, גאָטס מאַמע, לאָז מיך נישט אומקומען). אויף די ליפּן, איבער דער וועלט, אָפּריכטן גלות. חיים פאַלט אַריין אין

דעלירױם, װערט האַלב פּאַראַליזירט, און װען ער קומט אַ ביסל צו זיך, לאָזט ער זיך, פאַלגנדיק אַן אינערלעכן רוף, מיט דער ברכה פונם רבין, אַװעק קײן ארץ ישראל זוכן אַ תיקון.

בײדע, דער ייד און דער גוי, האָבן דערזען די נעץ פונעם שטן המשחית און „די שטראָפנדיקע האַנט פון גאָט".

גאָװרילאָס צעטרײסלט געמיט װאָרצלט נישט בלױז אין זײן רײן־רעליגיעזן געפיל פון עובר זײן אױפן לאו פון לא תחמוד (נאָך װײב און נאָך געלד), װאָס ליגט אין זײן נאַטירלעך־מאָראַלישן כאַראַקטער. ס'האָט אױך אַן אינערלעכע שײכות צו זײנע טיף־אײנגעװאָרצלטע פּאַגאַניסטישע גלױבענישן, װאָס דאָמינירן און האַלטן אין קלעם די מענטשן, בכלל, און די פױערשע באַפעלקערונג, בפרט, פון יענער צײט. שדים און מזיקים פון װאַלד, װאַסער, שטוב, שפּײכלער, — יעדער רוח אױף זײן געביט — האָבן געשפּילט אַ געװאַלטיקע ראָלע אין לעבן פון המון. די מכשפה, דער „יוראָדיװער" (הײליקער תם) האָבן געדינט, װי פּאַרמיטלער צװישן די רוחות און זײערע קרבנות. די דאָזיקע מורא פאַר און אָפּהענגיקײט פון נישט־גוטע הענגט, װי אַ דאַמאָקל־שװערד איבערן קאָפּ פון גאָװרילאָן און האַלט אים אין אײביקער דעלוזיע.

איז טאַקע די אױבנגעבראַכטע מאַקאַברישע סצענע אַרום דעם געפונענעם אוצר און, אײגנהענטיק, דערשטאָכענעם סטעפּאַנקאָן, אַן אָנגעלאָדענע מיט דראַמאַטישן פּולװער, — די שטאַרקסטע אין בוך.

דער קריטיש־געשטימטער רעאַליסטיקער װעט, מסתמא, טײטלען אױף געװיסע, לױט זײן אָפּשאַץ, בעגאַטיװיזמען אין בוך, דהײנו:

1) די פּאַטאַלע באַגעגעניש פון גאָװרילאָן מיט סטעפּאַנקאָן, אין דערבײיאיקן שטעטל, האָט אין זיך דעם עלעמענט פון צופאַל.

2) דאָס אַרױסשטעלן די צװײ כאַראַקטערן, גאָװרילאָן, װי אַ צדיק, און סטעפּאַנקאָן, װי אַ רשע, איז דער אַלטער סקאַרבאָװער קאָנטראַסט־רעצעפּט.

3) די מעשה מיטן אוצר איז געבױט אױף לעגענדע, האָט נישט קײן רעאַלן יסוד. וכדומה.

אַלץ, אגב, שטײנער, איבער װעלכע נישט אײן גדול אין דער װעלט־ליטעראַטור איז געשטרױכלט געװאָרן.

(אױך הײם איז נישט אינגאַנצן פרײ פון אַט דער מורא, אָבער זײן טיף־יידישער לעבנס־באַנעם צאַמען אין אים די אבערגלױביש־עבודה־זרהדיקע אינהיביציעס און סובלימירן זײ. חײם דעם „נסתרס" חסיד און די גאַנצע רײכע גאַלעריע פון פּערסאָנאַזשן, סײ יידישע, סײ נישט־יידישע, טיפּישע רעפּרעזענטאַנטן פון זײער סביבה, פון יענער תקופה, פאַרדינען אַ באַזונדערע באַטראַכטונג).

איז די מעשה אַזאַ: דער מחבר באַצײכנט זײן „די שטילע ערד" מיטן טיטול „ראָמאַן" און נישט באַװעלע, װאָס דאָס מײנט, אַז ער, דער מחבר, איז זיך לכתחילה נישט מתחיב צו אַבסאָלוטן רעאַליזם. און דאָך, נישט געקוקט אױף דער דאָזיקער באַװאָרעניש, איז אים, אױף עפּעס אַ מאַגישן אופן, געלונגען אַזױ צו קאָמבינירן און קאָנסטרואירן זײנע סיטואַציעס און פּערסאָנאַזשן, אַז די אַזױ גערופענע אומװאַרשײנלעכקײטן פון די אומצופעליקע צופאַלן, װערן, װי אױפגעלײזט אינם אַנטװיקלונגס־פּראָצעס פון דער מעשה און דער לײענער װערט אַרײנגעצױגן אין אַ קלימאַט פון נאַטירלעכער גלױבנסװערטיקײט. װאָס שײך דעם אוצר, איז

עס אַ ברייט־פּאַרשפּרייטע לעגענדע ביי אַלע פעלקער און ניט אויסגעזויגן פון פינגער: אין יענער היסטאָרישער עפּאָכע, אין וועלכער דער ראָמאַן שפּילט זיך אָפּ, אַ צייט פון וואַלד־גזלנים און קאָזאַקיש־שלאַכטעסקע איבערפאַלן און פּלינדע־רונגען, איז דער גלויבן אין באַהאַלטענע אוצרות געווען באַזירט אויף רעאַלע פאַרקומענישן, און ברוסילאָוו גיט טאַקע אַן געשיכטלעכע דאַטעס און נעמען, וועלכע האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלעס אין יענע געשעענישן, אַזוי אַז דער כראָנאָלאָגישער עלעמענט, אַפילו, איז דאָ נימצא.

ווי שוין אין אָנהויב אָנגעמערקט, איז „די שטילע ערד" נישט דורכאויס און בלויז אַ רעאַליסטיש ווערק. ס'איז אויך אַ סימבאָלישע שאַפונג. דער מחבר, אין זיין פאָרוואָרט, גיט מער ווי אַן אָנוואונק וועגן דעם, כאָטש ער דערמאָנט נישט דעם טערמין „סימבאָליזם". שוין דער נאָמען „וואַנדערער נאָך ליכט", מיט וועלכע ער טיטולירט זיין סעריע ביכער, וואָס ער קלייבט זיך אַרויסצוגעבן און פון וועלכער דאָס איצטיקע בוך איז דאָס צווייטע, — דערציילט עלאָקווענט וועגן דעם. נאָר ווען דער מחבר וואָלט, אפילו, מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן אָט־דער זייט פון זיין שאַפונג, ווערט עס קלאָר פאַר אונדז אין פּראָצעס פון לייענען: ס'האָט אַלע אַטריבוטן און סמנים פון אַ סימבאָלישער יצירה. ס'איז אַ סימבאָלישער טורעם, געבויט אויף אַ רעאַליסטישער אונטער־סטרוקטור. די צוויי עלעמענטן — סימבאָליזם און רעאַליזם — לויפן פּאַראַלעל איינע צום צווייטן און איינס נערט זיך נישט אויפן חשבון פון אַנדערן. ערגעץ, אָבער, גיסן זיי זיך צונויף און ווערן איינס. ס'איז אַ בזעיר אַנפּין פון גאַנצן וועלט־באַשאַף. אַזוי זעען מיר:

אין וואַלדס ניצחון איבער די זומפּן: דעם זיג פון דינאַמיק איבער סטאַטיק. אין דער אידילישער ליבע צווישן גאַוורילאַן און פּאַראַסקען: דעם רעוואָלט פון ריינמענטשלעכער עראָטיק קעגן דער ברוטאַל־אַנימאַליסטישער, אַלאַ־סטעפּאַנקאָ; אין פּאַראַסקען: די פאַרקערפּערונג פון אייביקער ווייבלעכקייט און מוטערשאַפט; אין דער שותפותדיקער, יידר און גוי־זוכעניש פון אוצר: די יאָגעניש־נאָך־און־די בוקעניש־צו דעם אילוזאָרישן עגל הזהב, וואָס פאַרפירט, סוף כל סוף, אין זומפּיקן שאול תחתיה; אין דער גרויליקער איבערלעבונג בעתן געפינס פון אוצר און אין דעם אַוועקלאָזן זיך אין וואַנדערוועג פון חיימען און גאַוורילאַן: דעם זעלישן קריזיס פון אַנטוישונג אין מאַטעריעלן דערגרייך און די דערוואַכונג פון דער נשמה אין איר טריאומף איבערן חומר; אין סטעפּאַנקאָס אייגנהענטיקן טויט: די עווענטואַלע זעלבסט־פאַרניכטונג פון רישעות אין דער אינטימער פריינדשאַפט צווישן די צוויי צענטראַלע פיגורן, חיימען, דעם ייד, און גאַוורילאַן, דעם גוי, און ביידנס זוכעניש פון אַ תיקון: דעם צווילינג־פּראָטאָטיפּ פונם והיה באחרית הימים.

קונסט ציט איר יניקה פון אומצופרידנקייט, — אומצופרידנקייט מיטן אַרום און, נאָך מער, מיט זיך גופא. פונדאַנענאויס: דער אייביקער אומווידערשטייטלעכער דראַנג נאָך שלימות. דער גאַנצער נאַטור־און־מענטש קאָמפּלעקס פון דער עפּיש־לירישע עפּאָפּיי „די שטילע ערד" איז איין מעכטיקע מאַניפעסטאַציע פון אומ־צופרידנקייט, איין שטורמישער ווידערשטאַנד פון וואַלד־און־מענטש קעגן זומפּיקן סטאַטוס־קוואָ, איין געוואַלטיקע לעכצעניש נאָך שלימות. אויף דער דאָזיקער ברייטער קאַנווע האָט דער קינסטלער־אַרכיטעקט, ניסן ברוסילאָוו, געבויט און געמאָלן, געמאָלן און געבויט זיין גראַנדיעזן קינסטלערישן בנין „די שטילע ערד", דערהויבנדיק דאָס ווערק צו זיין זעניט.

# אַלע מענטשן זיינען גוט

אַלע מענטשן זיינען גוט —
קום זיי נאָר אַנטקעגן . . .
דאָרט, וואו ס'דרימלט איין די רוט,
לייכטן אויף די וועגן.

דאָרטן, וואו עס שלאָפט די נויט,
וואַכן אַלע שטערן,
און פון האַפערדיקער פרייד
גלאַנצן דאָרט די טרערן . . .

אַלע מענטשן זיינען פריי —
גיי צעברעך די צעלן . . .
ווען אין הארצן זינגט דער מאַי,
קענסט אים ניט פאַרשטעלן.

ווען אין רוים דאָרט איז צעשפרייט
און צעפלאַטערט פליגל,
ליגט צעבראָכן דאָן די קייט
און עס זשאַווערט ריגל.

אַלע מענטשן זיינען ליב,
און עס איז קיין וואונדער —
ווען דאָס הארץ איז נאָר ניט טריב,
איז דאָס בלוט אין צונטער.

קומט די זון אַראָפּ אין סאָד,
איז אַלע עפּל גלאַנצן;
שטעלט זיך וואו אַ קאַראַהאָד,
גייען אַלע טאַנצן.

הויב זשע אויף דיין קול מיט מוט,
זינג אויף אַלע וועגן:
אַלע מענטשן זיינען גוט —
קום זיי נאָר אַנטקעגן . . .

פּינטשע בערמאַן

# א י ך  א ו ן  ד ו

און ברענגען די ווינטן פון ערגעץ מיר גריסן,
און טראָגן אַ טרייסט מיר, דורך גראָז און דורך בוים,
וויל איך מײַן שכן זאָל אויך פון דעם וויסן,
וויל איך די טרייסט זאָל זיין אויך פאַר זיין היים.

און ווינקט צו מיר פריידיק און בלענדענד דער מאָרגן,
און שמייכלט מיר זוניק און וואַרעם דער היינט,
וויל איך די פרייד זאָל ניט זיין דאָ פאַרבאָרגן,
וויל איך די פרייד זאָל זיין אויך פאַר מיין פריינט.

דאַן הויבט זיך מיין זעל, ווי אויף פליגלען צעשטראַלטע,
דאַן פלאַמט אויף אַ וואונדער-באַפרייאונג אין מיר,
ווייל עס קענען זיין גראַטעם אויף פענצטער צעפראַלטע . . .
עס קענען זיין ריגלען אויף אָפענער טיר . . .

טאָ זאָל זיך, מיט אימפּעט פון ים צו די ברעגן,
טאָ זאָל זיך, מיט ברויז פונם וואַסער-פאַל וואו,
צעצינדן, ווי שטערן, די שליאַכן און וועגן,
וואו עס בלאָנדזשען פאַרוואָרלאָזטע איך דאָרט און דו . . .

ז. בונין

# נ א ק ט ו ר ן

איך שטיי ביי מיין פענצטער און קוק אין דער נאַכט.
עס הערט זיך פון ערגעץ קיין ריר ניט, קיין קלאַנג.
איך ווייס ניט, און קען ניט מיין אומעט דערקלערן;
איך ווייס נאָר, אַז עפּעס טוט האַרציק מיר באַנג.

הינטער מיין פענצטער, אויף זיידענע פליגל
באַוועגט זיך די נאַכט, אַזאַ מילדע, אַזאַ שטילע;
מיין פענצטעד ווערט פלוצלינג אַ הייליקער עמוד,
און איך, פון דעם צויבער אַרום, דער בעל-תפילה.

און עס הערט זיך אַ לויב צו אַלמעכטיקער האַנט,
וואָס האָט אָט די בערג און די טאָלן צעשאָטן;
צווישן די ביימער און גראָזן פאַרבענקטע
האָט ערשט דער באַשעפער מיט ליבע געטראָטן.

ברכה קודלי

# FREE WAYS

ס'רוישן ניט מער די פּאַלמען פּאַרקלערטע
אויף מיין גאַס
און פייגלען וועלן זיך שוין ניט אומקערן
די פרימאָרגנס צו דערפרייען.

האַסטיקער טעמפּא פון צייט
האָט פאַרביטן דעם ריטם פון שטילע טריט
פאַר אַ שליסל פון דיסאָנאַנס,
וואָס טרייבט צו גאַסן פון שפּראָצנדיקער ערד
ווייטע, ברייטע שאָסייען. —
זיי לייגן זיך אויפן געמיט פרעמד און שווער.

אויף דעם אָרט וואו אַ שורה היימען
געפינען האָבן א תיקון —
לויפן אייזערנע בריקן,
זיי פאַרטראָגן צו ווייטע וועגן
דעם פלאַפּל פון פייגל טעט-אַ-טעט
. . . ס'ווערן ניט נעענטער די ווייטן,
נאָר די נאָענטקייט אַנטלויפט ווייט-ווייט . . .

איר שלוה איבערגעריסן —
שטייט מיין גאַס אַ פאַרלוירענע
אין איר זיין-ניט-זיין באַשערטקייט,
אין איר אַרויסגעשטויסענער צעשטערטקייט
און אין רויש פון אָטאָ ווירוואר.

ווי קען איך צוזען איר אויסראָטונג,
וואו ס'בלייבן נאָר שאָטנס פון עבר,
פאַרמעקט זענען די טריט
פון מיינע שפּאַצירן,
דאָרט וואו כ'האָב אין שטילע שעהן
מיין געראַנגל און טרויער
צו דערמערונג פאַרטרויט.

אָ, גאַס פון מיין יונגען האָפן,
נאָר דו ווייסט וויפל צער ס'איז מיר געווען באַשערט —

צו זוכן אין וואָרט אַ טרייסט,
נאָך איידער . . .

ווען איך האָב געקליבן מוט א וואָרט צו שפּינען
און זיך געשראָקן —
ניט צו פאַרשעמן מיינע סטראָפן.
דיינע שטעגן
האָבן מיין קינד געפירט אין חדר — — —
שפּעטער
מיט מיין קינדס קינד
האָב איך אין באהעלטערלאך געשפּילט.

פון נעסט,
אויף דעם אַלעאַנדער בוים און ראזן צווייט,
וואָס איז בא מיין פענצטער
געבליבן שטיין,
האָבן די פייגלען
אויף יעדער שורה פון אַ ליד
געצווייטשערט אמן . . .

ס׳זענען פאַרגאַנגען יאָרן,
נאָר כ׳קען נאָך היינט
אַן עכאָ דערהערן
פון די רייד קיל און פאַרקלערט
פון ל. שאַפּירא,
ווען ער פלעגט אַמאָל קומן צי גאַסט:
„ביז וואַנען ברכה,
וועט איר אויף סאַן-בעניטא גאַס פאַרבלייבן
און וואו נעמט איר אַזאַ מין דורשט
צום שרייבן . . .”

ס׳זידן די שאַסייען,
ס׳רוישן אָטאָס,
ס׳לויפן בריקן —
אין קראַפט פון וויר-וואר איז מיין גאַס געשפּאַנט
אפשר וועט זי זיך דערפרייען,
וואָס איך האָב איר דערמאַנט.

**יעקב זינגער**

# אויפן שוועל

(איין־אַקטער)

**פּערזאָנען:** סיימאַן שילער.
דיינא מאַרשל

אַ רייך אויסגעשטאַט צימער. לינקס אַ טיר וואָס פירט אין אַנדערע צימערן. דאָס צימער איז פאַרהאָנגען מיט פּאָרטיערן, דורך וועלכע עס זעט זיך אַרויס אַ רייך אויסגעשטאַטער סאַלאָן. אויף דער עקסטרעם רעכטער וואַנט, אַ טיר וואָס פירט צו אַ שלאָפצימער. אין זאַל זיינען פאַראַן אַ קאַמין, איבער וועלכן עס הענגט אַ גרויסע מאָלעריי פון אַ זיידן. ביכער, פאָליצעס, געבעטע שטולן, אַ פּאָרטאָפּיאַן, אויף וועלכע עס שטייען צוויי גרויסע לייכטער מיט דריי ברענענדיקע ליכט אין יעדער. אַ טישל, אויף וועלכער עס שטייט אַ וואַזע בלומען. לאָמפּן, אַ טיש און שטולן. די אַטמאָספערע אין זאַל איז רייך־אַריסטאָקראַטיש.

עס איז פרילינג אין אַן אָוונט פון יאָר 1957.

ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, זיצט דיינא מאַרשל, מיטן פּראָפיל צום עולם, פאַרטיפט ביי דער פּיאַנאָ. זי שפּילט בעטהאָווענס „די סאָנעטא פון אַ לבנהדיקער נאַכט״. זי איז אַ יאָר 29. אירע ברוינע האָר, וואָס הענגען אַרונטער ביז די שולטערן, זיינען פאַרבונדן מיט אַ טאַשמע. זי טראָגט אַ ווייסע בלוזקע, אַ טונקל קלייד און אַ סוועטער הענגט אויף אירע אַקסלען. אירע באַוועגונגען, מאַניערן און ריידן, זיינען פון אַ פיין דערצויגענער: אַן איידעלע מיט אַ ליכטיק פּנים. זי איז אַ פרוי, וועמען ס׳רוב מענער אין אַ געזעלשאַפט, זיינען גרייט צו באַדינען.

אין מיטן פון איר שפּילן, דערהערט זיך דער געקלאַנג פון די גלאָקן ביי דער טיר. זי שטעלט אָפּ דאָס שפּילן און גייט ווירדיק דורך די פּאָרטיערן אין דעם גאַסט־זאַל אַריין. ס׳הערט זיך נאָך דער אָפּקלאַנג פון די „טשיימס״.

זי קומט באַלד צוריק. נאָך איר קומט אַריין סיימאַן שילער, אַ הויכער, שיינער, אַטלעטיש געבויטער מאַן פון אַ יאָר 32. גלייך און שטאָלץ. זיין פּנים האָט שטאַרקע שטריכן פון אַ דעטערמינירטן, פאַר׳עקשנ׳טן מענטשן. בלויז ווען ער שמייכלט, לייכט זיין פּנים גוטמוטיק. ער איז אַקוראַטנע אָנגעטאָן. זיינע טונקעלע, געלאָקטע האָר, זיינען גלאַט פאַרקעמט. אַריינקומענדיק, איז ער געבליבן שטיין לעבן די פּאָרטיערן אין דעם אויבערמאַנטל און דעם הוט אין האַנט.

**דיינא:** איך האָב דיר אויסדריקלעך געשריבן אַז דו זאָלסט ניט קומען. (ער שטייט און קוקט נאָך אירע באַוועגונגען. עס איז שטיל אַ ווילע. זי דרייט זיך אום צו אים.) **האָסט ניט דערהאַלטן מיין בריוו?**

**סיימאַן** (מיט ביטערקייט. אויפן זעלבן פּלאַץ): **דערהאַלטן און געלייענט!** (עס איז שטיל.)

**דיינא** (אומרואיק): **דאַכט זיך, אַז דער בריוו האָט אויסדריקלעך דער־קלערט . . .**

**סיימאָן:** איך ווייס וואָס דער בריוו האָט דערקלערט! . . .

**דיינא** (ווי צו זיך אַליין): און דאָך . . .

**סיימאָן:** און דאָך בין איך געקומען אַזוי גיך . . .

**דיינא** (הייבט אויף דעם קאָפּ. מע זעט אַ טרויעריקן שמייכל אויף איר פּנים): אַז דו ביסט שוין דאָ, שטיי ניט ביי דער טיר ווי אַ פרעמדער. (זעצט זיך אויף אַ בענקל און קוקט אויף אירע הענט וואָס ליגן ביי איר אין שויס.)

**סיימאָן:** האָסט מיך באַגעגנט ווי איינעם, וועמען מע וויל פאַרגעסן . . . האָבן די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין דאָ ניט געווען, אַזוי שטאַרק געביטן דיין באַציאונג? . . .

**דיינא:** איך פאַרשטיי ניט וואָס דו מיינסט?

**סיימאָן:** דו ווייסט זייער גוט וואָס איך מיין! ווען דו מאַכסט דעם אומשולדיקן אָנשטעל: „איך פאַרשטיי ניט וואָס דו מיינסט", ווייסטו זייער גוט וועגן וואָס איך רייד! (טוט אויס דעם מאַנטל און לייגט אים און דעם הוט, אַוועק אויף אַ שטול. בעת מעשה קוקט ער אויפן זייגערל.) עס איז איצט פונקט אַ שעה מיט אַ פערטל ווי איך בין אַראָפּ פון דעם עראָפּלאַן. צווישן דעם פּאַק קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געווען אויף מיין טיש, האָב איך געפונען דיין בריוו. (ער בלייבט שטיין אין מיטן זאַל און קוקט שאַרף אויף איר. זי קוקט ניט צו אים.) אין אָנהויב, האָב איך גערעכנט צו טעלעפאָנירן. איך האָב מיך באַלד באַזינען און באַשלאָסן, אַז עס איז גלייכער, אַז איך זאָל אַליין אַהערקומען. הערן פון דיין אייגן מויל . . .

**דיינא** (זעצט זיך אויפן בענקל אוןווישט די אויגן): איך האָב געוואוסט, אַז אין דיין געגנוואַרט וועל איך פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך. איך וועל זיך צעווייגען ווי אַ נאַריש מיידל. איך האָב געשריבן אַז דו זאָלסט ניט קומען צו מיר, זאָלסט פאַרגעסן אין מיר. זאָלסט זיך אָפּזוכן אַ מיידל און חתונה האָבן. האָבן קינדער . . .

**סיימאָן** (זעצט זיך לעבן איר. נעמט אירע הענט אין זיינע און לייגט זיי צו זיינע ליפּן): אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס זאָל איך זיך אָפּזוכן אַ מיידל, אַז די אַלע זאַכן וויל איך האָבן מיט דיר. (ער קושט אירע הענט.) מיט דיר! . . . דו וועסט זיין די שענסטע און אינטעליגענטסטע פרוי, צווישן אַלע פרויען אין דער קאָלאָניע.

**דיינא** (פאַרטרויערט): איצט איז צו שפּעט. וואָלסט געווען געקומען כאָטש מיט פיר וואָכן פריער. (די ציטערט פון אומרואיקייט. זי נעמט צו אירע הענט און לייגט זיי ביי זיך אויפן שויס. זי רוקט זיך אָפּ פון אים און זיצט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.)

**סיימאָן** (זעט ווי זי רוקט זיך אָפּ פון אים, גייט ער אָפּ און זעצט זיך אויף אַ שטול אַנטקעגן איבער איר): האָסט געזאָגט, ווען איך וואָלט געווען געקומען מיט פיר וואָכן פריער. מעג איך אפשר וויסן וועגן די קאַשמאַרע פיר וואָכן וואָס האָבן צעשטערט מיין גליק?

**דיינא** (אין דער זעלבער פּאָזע): דו מעגסט . . . (עס איז שטיל.) איך ווייס ניט ווי אָנצוהויבן.

**סיימאָן:** איך האָף, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן אַן אַנדערן מאַן? . . .

**דיינא** (זיפצט. קוקט אויף אים מיט אַ צאַרטן שמייכל): אַ ניין . . . מיט פיר וואָכן צוריק האָט מען דער מאַמען אַהיימגעבראַכט. אויב מע וועט איר נאָך

איין מאָל אַוועקגעמען אין אַ סאַניטאַריום צי אין אַ „קאַנוואַלעסענט״ היים, וועט זי אַנטלויפן — האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך איינגערעדט אַז די נורסעס און די דאָקטוירים ווילן איר פּאַר׳סמ׳ען. (ער האַלט שטרענג זיינע אויגן אויף איר. עס איז שטיל. זי זיצט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.) עס איז געבליבן איין אויסוועג: איך זאָל זיין מיט דער מאַמען אין דער היים.

סיימאַן: נו, גוט. וואָס האָט דיין מוטער געזאָגט? זי איז אוודאי געווען צופרידן?

דיינאַ: וואָס קען מען האָבן צו אַ קראַנקע, צעבראָכענע פרוי? עס איז אַ גרויס רחמנות אויף איר. איך קען איר ניט איבערלאָזן אויף קיין איין מינוט. דער דאָקטער איז דאָ פריער געווען. ער האָט איר געגעבן אַ „סעדעטיוו״. זי שלאָפט איצט. (זי הייבט אויף דעם קאָפּ מיט געבעט.) סיימאַן, ווען דו זעסט זי, וואָלסטו זיך אויך צעוויינט.

סיימאַן: הייסט עס, אַז דיין מוטער האַלט דיך צוריק. וויל זי ניט פאַר־שטיין, אַז דו ביסט באַרעכטיקט צו אַן אייגן פאַמיליע־לעבן? ווייל דו ביסט איר איינציק קינד, מוז זי טאַקע, דיך האַלטן צוגעבונדן צו זיך? פאַרוואָס קען זי ניט זיין ווי אַנדערע מוטערס? (עס איז שטיל.) דיינאַ, זי וויל ניט אַז דו זאָלסט חתונה האָבן! איך האָב דאָס דערפילט נאָך מיט צוויי און מיט דריי יאָר צוריק . . .

דיינאַ: עס וואונדערט מיך שטאַרק אויף דיר, סיימאַן. עפּעס פירסטו זיך אויף זייער ניט קלוג.

סיימאַן (לאַכט): האָסט געזען אַ פאַרליבטן מאַן אַז ער זאָל האַנדלען קלוג?

דיינאַ: אָבער טראַכט זיך אַריין אין מיין לאַגע . . .

סיימאַן (דערנעענטערט זיך צו איר): דאָס איז די איינציקע זאַך, וועגן וואָס איך טראַכט. אַ מענטש האָט בלויז צוויי טיילן אין זיין לעבן: זיין ווייב־פאַ־מיליע און זיין אַרבעט. אַז מע נעמט אַוועק איין טייל, קען די צווייטע ניט פונקציאָנירן.

דיינאַ (מיט געבעט): וואָלט דער דאָקטער כאָטש געווען אָפּטימיסטיש. ער זאָגט, אַז די מוטער קען זיך אַזוי מאַטערן, אַ וואָך, אַ חודש און אפילו עטלעכע יאָר . . .

סיימאַן (בלייבט שטיין אַנטקעגן איר): וואָס האָב איך געקענט העלפן, ווען איך וואָלט דאָ געווען?

דיינאַ: דו וואָלסט מיר געקענט עצה׳ן וואָס איך זאָל טאָן.

סיימאַן (דערנעענטערט זיך גאָר נאָענט צו איר. זי רוקט זיך אָפּ): איך בין געקומען דיך נעמען מיט זיך. בלויז צוליב דיר בין איך געקומען . . .

דיינאַ: איך בין געווען אַזוי גליקלעך, ווען דו האָסט מיר געשריבן אַז די קאָמפּאַניע האָט דיך באַשטימט פאַר דעם הויפּט אינזשיניער פון די קופּער־מינען. איך האָב געציילט די טעג ווען . . . (עס דערהערט זיך אַ שטאַרקער קרעכץ פון אַן אַלטער פרוי, פון שלאָפצימער. זי לויפט גיך, עפנט די טיר און קוקט אַריין. פאַרמאַכט פּאַמעלעך די טיר און קומט צוריק.) זי שלאָפט נאָך. (אָטעמט אָפּ פרייער.) ווען מע האָט איר אַהיימגעבראַכט, האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט און געקושט מיינע הענט. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך געבעטן: „דיינאַ, מיין קינד, לאָז ניט אַז זיי זאָלן מיך צונעמען פון דאַנען. איך וויל שטאַרבן אויף מיין אייגן בעט.״ איר געבעט האָט מיך געריסן ביים האַרצן. (זי זעט ווי ער

רעאַגירט ניט אויף אירע רייד, גיט זי אַ זאָג): סיימאַן, זאָג עפּעס! . . . זי איז מיין מאַמע! פאַרשטייסט, אַ מאַמע! . . .

סיימאַן: און דו ווילסט זיין פאַרשפּאַרט אַזוי לאַנג ווי . . .

דיינאַ: איך האָב איר צוגעזאָגט. ווען דו וואָלסט געזען איר בעטנדיקן בליק: אירע הילפלאָזע הענט, זיי וועלן אַלעמאָל שטיין פאַר מיינע אויגן . . .

סיימאַן: און וואָס וועט זיין פון אונדז, פון דיר? פון מיר? . . .

דיינאַ: דערפאַר האָב איך געשריבן דעם בריוו. איך האָב געוואָלט פאַר־מיידן די איצטיקע סצענע.

סיימאַן (גיט אַ געשריי מיט כעס): אַזוי, דו האָסט געוואָלט פאַרמיידן די איצטיקע סצענע?!

דיינאַ (וויל לויפן צו אים, בלייבט אָבער שטיין אין מיטן זאַל מיט אַ פינגער אויף די ליפּן): שאַאַאַ! אַ טומל אָדער אַן אויפרעגונג, קען חלילה פאַרערגערן איר לאַגע.

סיימאַן (שרייט מיט ביטערקייט): און מיין לאַגע?! און דיין לאַגע?! וועגן דעם האָט דיין מוטער געטראַכט?

דיינאַ (פאַרשטעלט זיין מויל, אַז ער זאָל ניט שרייען): איך בעט דיך, סיימאַן, שריי ניט אַזוי . . . דיינע געשרייען קענען האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף מיין מוטערס געזונט.

סיימאַן (רעדט הויך מיט כעס און געבעט): איך בין ניט געקומען צו־פליען פון אַזוי ווייט, צו הערן די אַלע זאַכן. איך קען ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דו זאָלסט זיין צוגעבונדן צו אַן אינוואַליד טאָג און נאַכט! אויסשטיין אַלע אירע קאַפּריזן און ווער ווייס, ווי לאַנג דאָס קען זיך שלעפּן!! (ער איז שטאַרק איבערגערעגט.) דאָס איז ברוטאַל! אכזריות! עגאָאיזם! מאַכן אַ יונגע, בליענדע פרוי, פאַר אַ לעבעדיקן מת! איך וועל דאָס ניט דערלאָזן!!!

דיינאַ (קוקט אים אין די אויגן אַריין מיט געבעט): אָ, סיימאַן: און איך האָב געמיינט אַז דו טראַכסט בלויז וועגן זיך אַליין. דיין איבערגעבנקייט, דיין ליבע, וועט מיר געבן מער מוט אויסצופירן מיינע פליכטן צו מיין מוטער.

סיימאַן: דאָס איז זייער נאָבל פון מיר איז דאָס דיין ענטפער? . . .

דיינאַ: איך וועל מעדיטירן פון דיין דערפאָלג. איך וועל נאָכפאָלגן דעם פּראָגרעס פון דיין קאַריערע. ווי ווייט דו וועסט ניט זיין, וועסטו אַלעמאָל שטיין פאַר מיינע אויגן.

סיימאַן: אָבער דיין צוגעבונדקייט צו דיין מוטער, איז שטאַרקער פון . . .

דיינאַ: דו ביסט אַ מאַן, יונג און שיין. דו האָסט פעאיקייט און אַמביציע. דו וועסט שטייגן הויך. דו האָסט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. (איר שטים איז ווייך. זי שטרענגט זיך אָן ניט צו ווייזן אירע געפילן.) איך גלויב אין דיר. איך וועל זיך פרייען מיט דיין דערפאָלג . . . ווען איך האָב דיר געשריבן דעם בריוו, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, אַז דו וועסט דאָס נעמען פילאָזאָפיש. דו ביסט אַלעמאָל געווען בראַוו און זעלבסטשטענדיק.

סיימאַן: און איצט שטיי איך אַ באַזיגטער, ווי אַ באַשטראָפט חדר־יינגל.

דיינאַ (גייט אָפּ פון אים): ווי וועל איך קענען זיין אַזוי ווייט און ניט וויסן וואָס עס טוט זיך מיט מיין מוטער? (דרייט זיך אויס צו אים.) וואָלסט געוואָלט אַז דיין פרויס האַרץ און געפילן זאָלן זיין אומרואיק און ווייט פון דיר? . . .

סיימאָן: איך האָב ניט געוואוסט אַז די ליבע צו דיין מוטער איז שטאַרקער פון . . .

דיינאַ: ווי קענסטו אַזוי ריידן, סיימאָן? זי איז ניט שטאַרקער. איך קען דאָך איר ניט איבערלאָזן אין אַזאַ צושטאַנד! איך טו בלויז דאָס, וואָס אַ טאָכטער דאַרף טאָן.

סיימאָן: טעכטער באַמערקן ניט, אַז עס זיינען פאַראַן מוטערס וואָס פאַר־גינען ניט זייערע אייגענע טעכטער. קיין חתונה גליק. די גרעסטע סאַדיסטן זיינען, די אַלטע אלמנות.

דיינאַ: דו דאַרפסט ניט באַשולדיקן מיין מוטער. זי האָט מיט מיין באַשלוס גאָרניט צו טאָן.

סיימאָן (אויף אַ הויך קול): יאָ, דו ביסט אַ גוטע טאָכטער, מיט אַ צאַרט, ווייך האַרץ. דיר איז געווען לייכט אַדורכפירן דיין באַשלוס. וואָס איז אָבער וועגן מיר?

דיינאַ (מיטן וויַיז־פינגער אויף די ליפּן): שאַאַאַ! . . . איך בעט דיך, מאַך ניט קיין סצענע! . . .

סיימאָן (אויפגעקאָכט): איך דאַרף שרייען, ליאַרמען אויף אַזאַ אומרעכט! ווי קען איך שוויַיגן, אַז דו טרייבסט מיך פון זיך?! אַז דו . . .

דיינאַ: איך גיב צו, אַז איך האָב ניט קיין לאָגישע אַרגומענטן. עס האָט אָבער אַנדערש ניט געקענט זיין. ווייזט אויס, אַז דער גורל האָט אַזוי געוואָלט. (אַנטוישט.) אָ . . . איך ווייס אַליין ניט וואָס דער גורל האָט געוואָלט. (זעצט זיך אויף אַ בענקל מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.) איך ווייס אַליין ניט וואָס עס מיינט אויפגעבן אַ מאַן, קינדער, אַן אייגענע ווירטשאַפט, געזעלשאַפט און נאָך זאַכן, צו וועלכע יעדע מיידל שטרעבט . . . (הייבט אויף דעם קאָפּ מיט געבעט.) איך האָב איר צוגעזאָגט. איך קען ניט ברעכן מיין וואָרט . . .

סיימאָן: און מיר האָסטו דאָך אויך צוגעזאָגט. דו האָסט געזאָגט אַז דו ליבסט מיך; אַז דו וועסט גיין, וואו איך וועל גיין; אַז וועסט מיר העלפן פאַר־ווירקלעכן מיינע שטרעבונגען. (מיט ביטערקייט.) צו מיר ביסטו געווען זייער פאַרשווענדעריש מיט ווערטער. איך האָב אָבער זיי אַלע גענומען ערנסט. איך בין געקומען צופליען מיט פריידיקע האָפענונגען. און איצט? . . .

דיינאַ: סיימאָן, דו פּייניקסט מיך . . .

סיימאָן: אויב דו האָסט אויף אַן אמת געמיינט אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט, פאַרוואָס טוסטו גאָרניט צו פאַרגרינגערן מיינע ליידן?

דיינאַ: ווען איך וואָלט נאָר געקענט באַווייזן ווי איך לייד צוליב דיר. (מיט געבעט.) דו דענקסט אפשר אַז איך בין אַ שלעכטע, אַ בייזע, אַן עקשן. זע וואָס איך גיב אויף צוליב מיין מוטער? איך ליב דיך, סיימאָן, מיט מיין גאַנצן האַרצן. איך האָב נאָך קיינעם אַזוי ניט געליבט און וועל קיינעם ניט ליבן ווי דיך. דו ווייסט דאָס זייער גוט. דיין אָפּוועזנהייט האָט נאָך מער באַשטעטיקט מיינע געפילן. זעסט, איך האָב געעפנט מיין פרוויאיש האַרץ פאַר דיר . . . איך שעם זיך ניט מער. (זי גיט אַ פאַל אַוועק אויף אַ בענקל אַ העשעדיקע.) דאָס האַרץ איז אַזוי קליין און דאָך, פאַדערט מען פון דעם אַזויפיל . . . (עס איז שטיל. זי זיצט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. ער גייט איבערן צימער אַן אומרואיקער.)

סיימאָן (גיט זיך אַ דריי אויס. מיט ביטערקייט צו איר): ווי אַזוי דו האַנדלסט, האָט דיין מוטער ניט איבערגעלאָזן קיין איין טראָפּן ליבע אין דיין

הארצן, פאַר מיר. זי האָט אַלץ פאַרכאַפּט. די פליכט צו דיין מוטער האָט אַלץ איבערגעוואויגן . . . איך הייב אָן צווייפלען, צו די האָסט מיך אויף אַן אמת, אַמאָל ליב געהאַט. (גייט אָפּ מיט ביטערקייט.)

דיינא (גיט זיך אַ שטעל אויף מיט כעס): סיימאָן!!!

סיימאָן (אין דער זעלבער שטימונג): פאַרוואָס זאָל די פליכט צו דיין מוטער, זיין שטאַרקער, ווי די ליבע צו מיר? . . . פאַרוואָס זאָל זי צעשטערן אונדזער גליק? זי האָט שוין געגאַסן פון יענעם לעבנס־פרייד. איצט איז זי אַלט . . . אָבער דו, איך — מיר ביידע זיינען נאָך יונג . . . (ער דערנעענטערט זיך צו איר און זי דערווייטערט זיך פון אים.) דיינא, איך וועל ניט קענען זיין רואיק, אַז איך וועל וויסן אַז דו ביסט אַט אָ דאָ, אָ, פאַרשפּאַרט . . .

דיינא: פאַרוואָס גלויבסטו מיר ניט? פאַרוואָס קענסטו ניט זען אַז דו האָסט אַלצדינג: מיין ליבע, מיינע האָפענונגען, מיינע תּפילות, מיין . . . אַלצדינג וואָס האָט זי? . . .

סיימאָן: זי האָט דיך! (ער גייט אַ לויף צו איר און נעמט איר אַרום מיט קראַפט. ער הייבט איר אָן קושן.) דו ביסט מיין! . . . מיין . . . מיין . . .

זי פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער זיך. אויך זי הייבט אים אָן קושן ליידנשאַפטלעך. ביידע זיינען גליקלעך אויף איין מאָמענט. באַלד דערהערט זיך אַ שטאַרק זיפצן און קרעכצן פון שלאָפצימער. זי פּרו־בירט זיך באַפרייען פון זיינע שטאַרקע אָרעמס. ענדלעך געלונגט דאָס איר. זי גיט אַ צי אַריין אַ לאַנגן אָטעם און שטרעקט אויס די האַנט צו אים.

דיינא: גוד ביי, סיימאָן! איך מוז אריינגיין צו מיין מוטער. (זי שטייט מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט, וועלכע ער נעמט ניט. זי לאָזט אַרונטער די האַנט.)

סיימאָן (מיט אַ שווער געמיט): יאָ! . . . ווי איך זע, איז עס „גוד באַי"! ווייזט אויס, אַז איך בין ניט ווערט אַזאַ פרוי ווי דו. דו ביסט אָדער צו גרויס, אָדער צו קליין פאַר מיר. אַנטשולדיק וואָס איך האָב דיך היינט באַלעסטיקט. ווי עס זעט אויס, האָט אפילו שלמה המלך ניט פאַרשטאַנען די געפילן פון אַ פרוי. זי מאַכט צום ליידן דעם, וואָס עס ליבט איר און נעמט אויף זיך די פּיין פון דעם, וואָס עס קרעכצט פאַר איר. זי האַלט זיך אָן אָן דעם שטאַרקן און לאָזט די אומבאַהאָלפענע, זיך אָנהאַלטן אָן איר. זי שטעלט איין אַלץ צוליב ליבע, און גיט אויף ליבע, צוליב רחמנות . . .

דיינא: איך וויל דיך בעטן, סיימאָן . . .

סיימאָן: ווי עס זעט אויס, האָבן מיר ביידע ליב אויף אַנדערע אופנים . . .

דיינא: איך וועל דיך בעטן, סיימאָן, לאָמיר ביידע טראַכטן וועגן די וואונדערלעכע צייטן, ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען . . . איך קען דיר פאַר־זיכערן, אַז פאַר מיר וועט דאָס זיין אַ גאָלדענער, שיינער חלום, וועלכן עס ווילט זיך ניט פאַרגעסן . . . זעסט, ווי אָפנהאַרציק און ערלעך איך בין מיט דיר? . . .

סיימאָן: גראָד די ערלעכע און אָפנהאַרציקע פרויען, פאַרשאַפן ווייטאָגן און ליידן צו זייערע מענער. (ער זיפצט.) דאָ שטייען מיר, איך און דו. אין דעם זעלבן זאַל וואו . . . (ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט פון אַנטוישונג.) אַך, איצט זיינען מיר אַזוי ווייט איינער פון דעם צווייטן, ווי די צוויי פּאָלוסן פון דעם גלאָב . . . איך האָב ניט געוואוסט, אַז אונדזער גליק אויף ליבע און אויף אַלץ

וואָס איז פאַרבונדן מיט לעבן, וועט זיין אַזוי פאַרשיידן . . . איך פאַרשטיי דיך ניט און פאַרשטיי מיך אַליין אויך ניט. דו שטייסט און רעדסט וועגן דעראינערונגען ווי עס וואָלט צווישן אונדז פאַרגעקומען אַ קליינער פלירט פון אַ יינגל מיט אַ מיידל. איך וויל האָפן אַז דו באַדויערסט ניט יענע אָוונטן . . . דו געדענקסט כאָטש יענע ליבע מאָמענטן, וועלכע מיר האָבן געהאַט דאָ, אין דעם צימער, אין יענעם סאַלאָן און . . .

**דיינא:** דערמאָן ניט יענע אָוונטן. אַפּעליר ניט צו מיר. איך האָב מורא אַז איך וועל ניט קענען צוריקווייזן דיינע געבעטן. איך וועל צוזאַמענברעכן . . .

**סיימאָן:** אויב אַזוי, איז שוין אַלץ געזאָגט געוואָרן. איך האָב שוין דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן. איך פיל זיך איצט ווי אַ פאַרברעכער וואָס איז צוריקגעקומען אויפן פּלאַץ, וואו ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. (נעמט דעם מאַנטל און הוט.) עס איז בעסער, אַז איך זאָל שוין גיין.

**דיינא** (דערנענטערט זיך צו אים, אָבער ניט גאַר נאָענט. זי זיפצט): עס איז ניט געווען גרינג צו פאַסן דעם באַשלוס. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, איך וועל דאָ לעבן מיט זיסע דערינערונגען. און דו? (ציט מיט די אַקסלען.) אויב דו ליבסט מיך, וועסטו מיך פאַרשטיין און פאַרגעבן.

**סיימאָן:** אַז איך זאָל דאָ בלייבן נאָך עטלעכע מינוט, קענען זיך איבערחזרן אומאַנגענעמע סצענעס. (אַנטוענדיק דעם מאַנטל, באַמערקט ער אַ גרויסן קאָנווערט אין זיין בוזעם־קעשענע. ער נעמט אים אַרויס און ווייזט אים צו איר.) דאָ ליגן צוויי עראָפּלאַן בילעטן. אַלץ איז אַראַנזשירט. אין צוויי טעג אַרום האָבן מיר ביידע געזאָלט אָפּפליען קיין פּערו. איך האָב אַ קאָנטראַקט מיט דער קאָמפּאַניע אויף צען יאָר און אויך, פופצן פּראָצענט אינטערעס אין די מינען. (ער לייגט צוריק אַריין אין קעשענע די פּאַפּירן. ער הייבט אָן גיין. ער איז בייז.) איך וועל דיך מער ניט באַלעסטיקן, מיס דיינא מאַרשל!

**דיינא** (מאַכט עטלעכע טריט): סיימאָן, אַזוי ווילסטו? דו ווילסט עס זאָל זיך אַזוי ענדיקן? . . .

**סיימאָן** (דרייט זיך אויס. שטייט אַ קורצע ווייל. וואַרפט אַ טרויעריקן בליק אויף איר): גוד באַי, מיס דיינא מאַרשל! (ער גיט אַ לויף אַרויס דורך די סאַלאָן־פאַרטיערן.)

**דיינא** (לויפט נאָך. בלייבט אָבער שטיין אין מיטן זאַל. זי נעמט איר פּנים אין אירע הענט אַריין און צעוויינט זיך. זי זעצט זיך אויף אַ שטול, און נעמט אַרויס זיין טיכעלע, וואָס איז געבליבן ביי איר אין דער טאַליע, און ווישט די אויגן. זי דריקט דאָס טיכעלע צו איר האַרץ. שטעלט זיך אויף און הייבט אָן גיין צו דער מוטערס שלאָפצימער. די בינע איז אַ קורצע ווייל ליידיק. באַלד קומט זי צוריק אַ דערשראָקענע, אַ בלייכע און, מיט אַ היסטעריש געשריי): סיימאָן! . . . סיימאָן! . . . די מאַמע! . . . (זי לויפט צו דעם טעלעפאָן וואָס שטייט אויף אַ טישעלע לעבן דער פּיאַנאָ און הייבט אָן אָנקלינגען.) האַלאָ! האַלאָ! . . . איז דאָס דאָקטער יעטראָס רעזידענץ? . . . אָ! דאָקטער יעטראָ! . . . דאָקטער יעטראָ . . . די מאַמע! די מאַמע . . . (זי וויל ריידן, אָבער די טרערן שטיקן איר אין האַלדז.)

**די פאָרהאַנג פאַלט.**

---

**ווערט אַ בויער און אַבאָנענט פאַר דעם זשורנאַל „חשבון".**

---

א. כראבאַלאָווסקי

# בילדלעך פון יידישן אַמעריקע

## א) פאַרשאָטנטע געשטאַלטן

אין באַס אויפן וועג צו פערפעיקס סטריט, האָב איך באַגעגנט אן עלטערן ייד מיט א ליכטיק יידיש פנים, וואָס מ׳זעט שוין ביי אונדז זעלטן. מיר האָבן פאַרפירט אַ שמועס:

— פון וואַנען איז אַ ייד?

— פון באַראַנאָוויטש, פוילן.

וואו איז ערגעץ פאַראַן אַ שטאָט אין פוילן, וואָס ס׳זאָל איצט ביט זיין א קברים־לאָזער, בית־עלם פון אן אומגעקומענעם ברודער? אויך אין באַראַנאָוויטש האָבן מיר משפחה . . . מיין פרויס ברודער, פינקוס (פנחס) טעמפעלהאָף מיט זיין פרוי, האָבן זיך, אין אַ קורצער צייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, געלאָזט פון טשענסטאָכוו מיט אַ מחנה חלוצים אין אַ צופוס־מאַרש צו דער רומענישער גרענעץ, כדי זיך אַדורכצורייסן קיין ישראל, דעמאָלט נאָך אונטער ענגלישן מאַנדאַט. די מלחמה האָט זיי באַגעגענט אין באַראַנאָוויטש, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער סאָוועטישער ארמיי. זיי זיינען דאָרט פאַרבליבן. ער, אַ געענדיקטער פון אַ האַנטווערקער־שול, איז געוואָרן א טראַקטאָריסט, זי — איז געווען באַשעפטיקט אין אַ ביוראָ. אין די ערשטע חדשים זיינען אָנגעקומען בריוו פון זיי. שפּעטער זיינען זיי ביידע פאַרשוואונדען אין תהום פון חורבן.

דער ייד איז אונדז געוואָרן נעענטער און מיר האָבן זיך צערעדט. ער איז א משולח פון די לובאַוויטשער ישובות און תלמיד־תורות, גייט איבער די שולן און צו פריוואַטע מענטשן זאַמלען געלט פאַר זיי, און יידן, געלויבט צו השם יתברך, גיבן געלט . . .

מיר האָבן זיך צערעדט וועגן די שולן און טעמפלען אין לאָס אַנדזשעלעס, און דער ייד מיטן ליכטיקן פנים האָט אריינגעוואָרפן א וואָרט וועגן די שולן און טעמפלען, וואו פרויען און מענער דאַווענען צוזאַמען, וואָס איז א חרפה ארויסצוזאָגן און נאָך א גרעסערע חרפה צו דרוקן.

אין דער רגע ווי ער האָט דאָס וואָרט אַרויסגעזאָגט, האָט זיך אין מיינע אויגן א שאָטן פאַרצויגן איבערן ליכטיקן פנים פון לובאַוויטשער משולח, זיינע מילדע אויגן זיינען ווי פאַרנעפּלט געוואָרן און אן אנדער געשטאַלט האָט פאַרשאָטנט זיין פנים.

— דאָס געשטאַלט פון אַ פאַנאַטיקער.

אָט די אמת׳ע מעשה איז אויך אַ משל ווי אַזוי אַנדערע פאַנאַטיקער פאַרשאָטענען און דערנידעריקן די אידייען, וואָס זיי מיינען, אַז זיי זיינען זייערע טרעגער. טויזנט מאָל ערגער איז, ווען דער פאַנאַטיקער באַקומט מאַכט, ווערט אַ הערשער. דעמאָלט, ווערט די אידייע פאַרשמירט מיט אומשולדיק מענטשלעך בלוט. ווי אונדזער גרויסער י. ל. פרץ האָט געזאָגט:

עס ווערן אין אפגרונט,
ווי ס׳מעסער נאָר בליצט,
מיט בלוט אויך די ריינסטע
אידייען באַשפריצט.

## ב) די געליבטע כנסת ישראל אין אַמעריקע

יעדער ייד, צי ער איז וועלטלעך אָדער פרום, וואָס געדיינקט זיין פריסטע יוגנט, טראָגט אין זיך ליבע, קינדערשע דערינערונגען וועגן דער געליבטער פון הקדוש ברוך ה׳. די כנסת ישראל, ווי דער רבי האָט מיט אים פאַרטייטשט דעם פסוק פון שיר־השירים: „אם לא תדעי לך היפה בנשים״, דו כנסת ישראל די שענסטע צווישן די אומות, אויב דו ווייסט נישט ווי זיך צו פירן, אַז דיינע קינדער זאָלן נישט פאַרלוירן ווערן אין גלות . . . צאי לך בעקבי הצאן . . . טו ווי דיינע עלטערן האָבן געטאָן, זיי מקים תורה און מצוות, וועסטו זוכה זיין אא״ו. וויל איך אייך דאָ דערציילן ווי אַזוי די כנסת ישראל זעט דאָ אויס אין אַמעריקע.

קודם כל הייסט זי שוין נישט מיטן אלטן יידישן נאָמען כנסת ישראל, נאָר „קענעסעט איזראעל״. ס׳איז ווייניקער יידיש און מער לייטיש . . . האָט מען דאָ, פאַר דער „קענעסעט איזראעל״, אויפגעבויט אַ שיין שולכל אויף אַ אונטער־גאַס. אין פראָנט פון שולכל איז געווען אַ גרויסע שילד, אמת, אויף ענגליש, נאָר די ענגלישע אותיות האָבן געהאַט דעם סטיל פון יידישן א״ב. דאָס איז געווען ווי מען זאָגט: צו גאָט און צו לייטן: צו גאָט דער סטיל פון יידישן א״ב, צו לייטן דער ענגלישער לשון . . . יאָרן זיינען געגאַנגען. יידן אין האַליוואוד האָבן זיך קיין עין הרע געמערט און זיינען געוואָרן, געלויבט צו גאָט, רייכער. די שולכל אויף דער אונטער־געסל איז געוואָרן פאַר זיי צו קליין, כאָטש מ׳האָט קיינמאָל נישט באַמערקט, זי זאָל זיין איבערפילט . . . האָט מען דאָס פאַרקויפט צו אַ פּראַוואָסלאַוונער קאָנגרעגיישן. די לעצטע האָט פון שולכל אַראָפּגענומען דעם מגן דוד, אַרויפגעשטעלט אַן עלעקטרישן פּראַוואָסלאַוונעם צלם מיט אַ גרויסן עלעקטרישן שילד פון רוסישן שריפט איבערן גאַנצן פראָנט מיטן נאָמען פון דער קאָנגרעגיישן: „סלאַוויאַנסקי אָטשאַג בלאַגאָוויעסטיאַ״. ווי איר זעט האָבן גוים קיין בושה און קיין חרפה ניט און שטעלן אַרויס שילדן אויף אַן אמתן רוסיש מיט זייערע אמתע אַלט־רוסישע נעמען . . .

די „קענעסעט איזראעל״ האָט געקויפט אַ גרויסן פּלאַץ נעבן איינע פון די הויפּט־גאַסן און זיך געגרייט צו בויען אַ גאָר גרויסן און שיינעם טעמפּל. ווען די קאָנסערוואַטיווע קאָנגרעגיישן האָט אויפן גרויסן, אָפענעם פּלאַץ, וואָס זי האָט געקויפט, געפייערט דאָס לייגן דעם ווינקעלשטיין פון נייעם טעמפּל, און עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער און שיינער עולם יידן, פרויען און קינדער, ווי עס איז געזאָגט: הנשים נשים ותף — האָט מען פאַרבעטן אַרטיסטן צו רעדן און פאַרווײלן דעם גרויסן יידישן עולם מיט בלויז גרויסע „סטאַרס״, אַזעלכע ווי „רעד־סקעלטאָן״ און זיינס גלייכן, חלילה נישט קיין יידישן נאָמען און יידישן פּנים . . . אויפגעבויט האָט די „קענעסעט איזראעל״ דעם טעמפּל אויף דער הויפּט־גאַס אין אַ סטיל, וואָס אויב איר ווייסט נישט ווער און פאַר וועמען די שול אָדער טעמפּל איז געבויט געוואָרן, וועט איר זיך ברעכן דעם קאָפּ פון

היינט ביז מאָרגן און ניט טרעפן, אַז דאָס איז אַ יידישע שול און ניט עפּעס אַנדערש. אין פראָנט פון דרויסן האָט מען אויפגעהאַנגען אַ קליין שוואַרץ שילדל, גרויס ווי אַ תל־ומטרל, פאַרשטייט זיך אין פשוט ענגליש מיטן נאָמען פון דער שול און די שעהן, ווען ס'ווערן אָפּגעריכט די תפילות, אַלץ לויטן אמתן מוסטער פון די ניט־יידישע „טשוירטשעס".

שטייט אַ יידישע שול אָדער טעמפּל פון דער קאָנסערוואַטיווער קאָנגרעגיישן „קענעסעט איזראַעל", ווי אַ סימבאָל, אויף אַ הויפּט־גאַס אין לאָס אַנדזשעלעס מיט איר אולטראַ־מאָדערן־משונהדיקן סטיל, מיטן שוואַרצן ענגלישן שילדל אין פראָנט און דערציילט אַ געשיכטע, די געשיכטע פון דער אַמאָליקער געליבטער כנסת ישראל אין אַמעריקע, ווי אַזוי מ'האָט זי, די כנסת ישראל, דאָ פאַרשלייערט ניט צו דערקענען אָן שום יידישן חן, אָן אַ יידישן אות אָן אַ יידישן פּנים . . .

— הגידו לי שאהבה נפשי איכה תראה . . . זאָג מיר, געליבטע כנסת ישראל, ווי זעסטו ביי אונדז אויס, וואָס האָט מען פון דיר אין אַמעריקע געמאַכט!? . . .

---

**יצחק ניומאַן**

# די חשמונאים ביכער

(פון די סעריע אַפּאָקריפן, זע חשבון נומער 9 און 10)

אַפּאָקריפאַ איז דער טייטש אין גריכיש באהאלטן, און אין העברעאיש „גנוזים", דאָס מיינט די פערצן ביכער וואָס זיינען באהאלטן געוואָרן, און זיינען ניט אריין אין כינוס פון די הייליקע שריפטן, הגם אין די סעפּטאַגינטאַ אויך אין די וואולגאַטאָ זיינען זיי יאָ אַריין. די חכמים האָבן געהאלטן פאַר הייליק נאָר יענע ספרים וואָס זיינען דערשינען ביז עזרא הסופר'ס צייטן און דאַמאָלט האָט אויפגעהערט די נביאה, דערפאַר זיינען אַלע שפּעטערדיקע ספרים מער ניט געהאלטן געוואָרן פאַר הייליק.

די אַפּאָקריפן זיינען ביכער פון פאָלק אין פולן זינען פון וואָרט, אמת די מחברים זיינען ניט געווען ווי די סופרים אָדער ווי די בעלי־הלכה און בעלי־אגדה פון תלמוד. מיט דעם וואָס זיי האָבן גענומען זייערע ידיעות אויך פון פרעמדע קוואַלן, זיי האָבן געשריבן און געשילדערט דאָס וואָס זיי האָבן געזען אין זייער פאַנטאַזיע אָדער געהערט פון פאָלקס מויל און, ווי עס ווייזט אָן חיים טשערנאָוויץ אין זיין ספר „תולדות הלכה", חלק ד: איז אין די אַפּאָקריפן קענטיק דער פאָלקסטימליכער אויפוואַכונג און אויפלעבונג פון פאָלקס וויזיע און פאָלקלאָרישער געפיל, דערפאַר האָבן זיי געשאַפן אַ שיינע ליטעראַטור פון דערציילונגן און לידער, אַפילו אַזעלכע ביכער ווי „חנוך", דער בן סירא", „חכמת שלמה" און אוודאי „טוביה", „שושנה" און „יהודית" זיינען דורכגעוועבט מיט פאָלקסטימליך לעגענדאַרישע געשיכטן.

איינע פון די גאָר אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן פון היסטאָרישן שטאַנדפונקט קאָן מען אַפּאָדיקטיש זאָגן, פאַר די חשמונאים ביכער, וואָס אין זיי מערקט זיך אַן ענדערונג אין טאָן פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן. שטאָט אַלגעמיינע מענטשליכע פּראָבלעמען פון נביאישן אוניווערסאַלן כאַראַקטער, זעט

מען ריין יידיש נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען אויפגעקומען אַלץ אַ רעאַקציע קעגן די גריכישע אַסימילאַציע און קעגן די באַוועגונג פון די העלעניסטן און זייער לאָזונג: „נהיה ככל הגוים״ אין יענער תקופה איז דאָס געבוירן געוואָרן די אַסימילאַציע און אויך דער נאַציאָנאַליזם.

די חשמונאים ביכער ברענגען אַרויס נאַציאָנאַלע אויפלעבונג צוזאַמען מיט דער גייסטיקער דערוואַכעניג: עס ווערן פאַרהערליכט די העלדישע טאָטן פון די גבורים אופן שלאַכט פעלד וואָס נאָך הונדערטער יאָרן פון פרעמדן יאָך האָט זיך דער געבויגענער רוקן אויסגעגליכן, אויך האָט זיך דער פרימיטיווער גלויבן אין גאָט דעם באַשיצער און רעטער פון מתתיהו דער חשמונאי און זיינע זין; ווייטער ווערט מייסטערהאַפט געשילדערט כראָנאָלאָגיש אַלע געשעענישן פון ריין היסטאָרישן נאַציאָנאַלן זיג הגם אַ ביסל באַפאַרבט מיט גוזמה, ווי מען קען דערוואַרטן, אָבער עס פאַרקלענערט ניט די אמת׳דיקייט פון די פאַקטן. די חשמונאים ביכער זיינען צו אונדז דערגאַנגען אין די גריכישע און עטיאָפּישע אויסגאַבן און, עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס דער העברעאישער טעקסט איז פאַרלוירן געגאַנגען, און ד״ר קלויזנער ווייזט אָן די סיבה—ווייל די שנאה פון די חכמים צו יהודה המכבי מיט זיינע ברידער פאר זייער שליסן א בונד מיט די רוימער; אויך דאָס וואָס די חשמונאים זיינען ניט געווען פון די בית דוד דינאַסטיע, איז זיי ניט געקומען די קרוין פון מלכות, און אודאי ניט די קרוין פון כהן גדול. בכלל האָט די פירונג פון די חשמונאים קעניגע ניט נושא־חן געווען ביי די פרושים (כתבי פרופ) י. קלויזנער בימי בית שני).

פון די פיר חשמונאים ביכער איז דער ערשטער טייל דער סאַמע וויכטיקסטער, אין אים ווערט דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון חנוכה, אָבער אויף אַ גאַנץ נאַטירליכן אויפן, ריין היסטאָריש דאָקומענטאַל, עס ווערט גאַרנישט דערמאַנט קיינע ניסים, נייערט בלויז מענטשליכע העלדישקייטן און פּאָליטיש מיליטערישע פעאיקייטן, עס ווערט געשטעלט הויך די חשמונאים משפחה, די בני מתתיהו אַלע פינף ברידער: יוחנן, שמעון, יהונתן, יהודה און אליעזר, ביז יוחנן הורקנס, דער זון פון שמעון, דער ערשטער כהן גדול וואָס האָט אַוועקגענומען די חזקה פון די בני צדוק דינאַסטיע. אַ חוץ דעם ווערט געלויבט די רוימער פאַר זייער פריינדליכע באַציאונג אין העלפן אויסגלייכן דעם סכסוך צווישן די יידן מיט די סירישע גריכן די סיליקיידן. (פאַרשטייט זיך אַז רום האָט עס ניט געטאָן מאהבת מרדכי, נאָר פאַר איר אייגענע אויסרעכענונגן, צו קאָנען שפעטער ארייננשטעלן אַ פוס אין יהודה און באזיגןביידע, סיריע און יהודה). ווייטער ווערט איבערגעגעבן אַלע אייבצעלהייטן פון דעם גערענגל פאַר פאָליטישע פרייהייט און נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט, דער סיפור המעשה איז איינגעטיילט אין פאָלגענדע קאַפּיטלעך: דער אויפשטייג פון אַלעקסאַנדר מוקדון און זיין גריכישע אימפעריע; די צוטיילונג פון זיין מלוכה נאָך זיין טויט, דער מאקאבייער קאַמף, די רייניקונג פון טעמפל, די דרייסיק יאָר מלחמות מיט די סיליקיידן, און מיט די עגיפּטישע גריכן, די פאַרטיידיקונג קעגן די שונאים און די געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע, די איינפירונג פון די נייע כהן גדול דינאַסטיע; יוחנן כהן גדול און ערשטער פרינץ ביי יידן. די בריוו פון היסטאָרישן ווערט — פון די ספּאַרטאַנס צו די חשמונאים געחתמעט פון קעניג אַריוס, אויך אַ בריוו פון קעניג לוסיעס צום עגיפּטישן קעניג תלמי.

איין קאַפּיטל באַשרייבט ווי אַזוי יהודה המכבי האָט פאַרהיטן די יידן פון גלול, פון גלעד, און פון עבר הירדון, זיי זאָלן ניט ווערן איזאָלירט, האָט זיי באַצייטענס טרענספערירט קיין יהודה, און זיי געלערנט מעטאָדן פון פּאַרטי-זאנען און גאָרילע קאַמפּן . . .

דער ערשטער חשמונאים בוך איז פאַרפאַסט געוואָרן אין די צייטן פון אַלעקסנדר ינאי, הגם ער באַלאַנגט ניט אין דער קאַטעגאָריע פון בעלעטריסטיק, איז עס אָבער קינסטלעריש געשריבן, עס אָטעמט מיט פרישן גייסט פון אויפ-לעבונג און אויפוואַכונג פון אַ נייער באַוועגונג, אַ נאַציאָנאַל רעליגיעזער, אָבער קיין שפּור ניט פון עולם הבא און תחית המתים, דערפאַר איז זיך משער צו זיין, אַז דער מחבר איז געווען גענייגט צו די צדוקים. און דאָס קאָן אויך זיין דער טעם וואָס די חכמים האָבן דעם ספר באַהאַלטן אין אַ זייט.

דער צווייטער חשמונאים בוך איז פּונקט דער היפּוך פון ערשטן, דאָ ווערט דווקא יאָ געריימט די ניסים און מופתים פון די חנוכה געשיכטע, דער מחבר שטרייכט אונטער: „די מלאכים פון הימל האָבן געקעמפט אויף דער יידישער זייט", ווייטער ווערט דערציילט ווי אַזוי יידן זיינען געקומען אין בית המקדש צום יום טוב חנוכה מיט געזאַנג אין די מיילער, פרייד אין זייערע הערצער, און טייטל-צווייגן און אתרוגים אין זייערע הענט, פּונקט ווי אין סוכות. אַזוי איז דער גאַנצער בוך אַ ריין רעליגיעזער און איז פאַרפאַסט געוואָרן אין צפון אַפריקע פון איינעם וואָס האָט געלעבט אין די תפוצות, ווייל דער מחבר דערמאַנט דאָרט—די איינלאַדונג וואָס זיי האָבן באַקומען פון די ירושלימער קהילה צו קומען קיין יהודה און צוזאַמען פייערן דעם יום טוב חנוכה אין באַנייטן בית המקדש . . .

דער דריטער בוך חשמונאים דערציילט כמעט גאָר ניט פון די חשמונאים, נאָר עס ווערט געשילדערט דער אריינמאַרש קיין ירושלים פון קעניג תלמי פילאָפּטור, ווי אַזוי דער עגיפּטישער מאָנאַרך איז אַריין אין קדשי קדשים פון בית המקדש און מען האָט אים פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ פאַרחלשטן, זיין רשעות צו יידן איז געווען ענליך צו אַנטיוכעס, אויך ער האָט אַרויסגעגעבן גזירות קעגן אָפּהיטן יידישקייט, אָבער יידן האָבן אַרויסגעוויזן העראָיזם און אַ ווידערשטאַנד, און ווען ער איז אַ היים געקומען קיין אַלעקסאַנדריע אין מצרים, האָט ער באַפוילן די גאַנצע יידישע איינוואוינער פון שטאָט זיך צו פאַרזאַמלען אויף אַ געוויסן פּלאַץ, זיין משוגענער פּלאַן איז געווען מיט איינמאָל פּטור ווערן פון די יידן, האָט ער אַרויפגעיאָגט ווילדע עלעפאַנטן וואָס זאָלן די יידן צוטרעטן מיט די פיס, אָבער עס איז געשען אַ נס, וואָס די ווילדע חיות האָבן זיך פאַר-קירוועט און אָנגעפאַלן אין אַ סטעמפּידיע אויף די מיליטער-לייט און דעם עגיפּטישן עולם וואָס זיינען זיך געקומען משמח זיין צו זען דעם סוף פון די יידן, האָבן געפונען זייער אייגענעם סוף.

דער פערטער בוך חשמונאים שילדערט די גרויסקייט פון די הייליקע ספרים אין פאַרגלייך מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, דער מחבר ווייזט אָן מיט אַרגומענטן, אַז אַלע וויסענשאַפטן זיינען שוין דאָ אין די תורה, ווייטער פירט ער אויס די גרויסקייטן פון יידנטום קעגן הייזדענטום, אויך פאַרהייליקט ער די קדושים מאַרטירער וואָס זיינען אומגעקומען אין די שלאַכטן צווישן די מתיוונים מיט די חסידים ראשונים.

די לעצטע צוויי ביכער זיינען געשריבן אַ סך שפּעטער, און אַלע פיר ביכער זיינען איבערזעצט אין פיל שפּראַכן, און עס איז וועגן זיי אָנגעזאַמעלט אַ היפּשע ליטעראַטור.

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## דניאל טשאַרני — אַ בן שבעים

אונדזערע האַרציקסטע ברכות צום פריינט פון „יידישלאַנד”, דניאל טשאַרני, באַוואוסטער דיכטער און שרייבער, צו זיין זיבעציק־יאָריקן געבוירנטאָג. אייער אויפריכטיקע וואַרעמע באַציאונגען צו מענטשן און צו קאָלעגן־שרייבער זאָל אייך באַגלייטן, ווי ביז איצט, דעם שעפערישן גאַנג פון אייער לעבן. דאָס איז די בעסטע רפואה שלמה, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, פאַר אַריכת ימים ושנים. זייט גע־שטאַרק און שעפעריש, חשובער דניאל טשאַרני.

## אונדזער וואַרעמע באַגריסונג

צום זייער חשובן דיכטער, עסייאיסט און פובליציסט, אפרים אויערבאַך, צו זיין 65־יאָריקן געבוירנטאָג. צוזאַמען מיט דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט שאַצן מיר אָפּ זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און מיר שיקן איבער צו אים, פון דעם וויטן מערב, אונדזערע האַרציקסטע ברכות פאַר אַריכת ימים, אָן אַן איבעררייסנדער שעפערישקייט.

---

## ליטעראַרישע שבת־צונאַכטן אין יידישן קולטור קלוב

שבת אָונט דעם 5טן אָקטאָבער איז באַערט געוואָרן דער אָנדענק פון יוסף אַפּאַטאשו. זלמן זילבערצווייג האָט רעפערירט איבער אַפּאַטאשוס שאַפונגען. דוד אַפּאַטאשו, בינע און פילם קינסטלער (זון פון יוסף אַפּאַטאשו) האָט פאַר־געלייענט פון טאַטנס שריפטן.

---

שבת אָונט דעם 26טן אָקטאָבער, לכבוד דעם 50־יאָריקן שאַפן פון ה. לייוויק, האָט דער קולטור קלוב צוזאַמען מיט דעם שרייבער קרייז „בוך און לעבן” איינגעאָרדנט אַ ליטעראַטור אָונט. די דיכטערין מלכה טוזמאַן האָט רעפערירט וועגן לייוויקס שאַפן; דער וואָרט־קינסטלער אברהם זיגלבום האָט געלייענט פון לייוויקס לידער; נתן קאַצמאַן, באַקאַנטער בעל־מנגן, האָט געזונגען אַ ציקל פון לייוויקס לידער; וו. נאַטאַנסאָן האָט געלייענט אַן עסיי וועגן לייוויקס דיכטונג. דער טאָפּל־נומער „חשבון” (11־12) איז אויפגענומען געוואָרן ביים אָונט.

---

שבת אָוונט דעם 9טן נאָוועמבער — אַ שלום אַש סימפּאָזיום מיט דעם אָנטייל פון דעם באַוואוסטן שריפטשטעלער ה. לאַנג און דער יונגער יידיש געלערנטער רבי חיים וויינשטיין.

---

שבת אָוונט דעם 16טן נאָוועמבער האָט דער באַקאַנטער יידיש־העברעאישער געלערנטער ד"ר חיים ראָטבלאַט געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער פּראָפעסאָר שמעון ראַבידאָוויטש ע"ה — „דענקער, מענטש און דערציער”.

---

שבת אָוונט דעם 23טן נאָוועמבער, לכבוד דער דערשיינונג פון גלאַנץ־לעיעלעס נייעם בוך לידער „ביים פוס פון באַרג”, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גלאַנץ אָוונט. די דיכטערין מלכה טוזמאַן האָט רעפערירט וועגן לעיעלעס דיכטונג; דער וואָרט־קינסטלער יעקב ניומאַן האָט פאַרגעלייענט לידער פון נייעם בוך "ביים פוס פון באַרג".

# בערל סאַטש אַלבום קאָמיטעט

אין לאָס אַנגעלעס האָט זיך פאָרמירט אַ קאָמיטעט כדי אַרויסצוגעבן אַ קונסט־אַלבום פון דעם באַוואוסטן סקולפּטאָר, בערל סאַטש. זיין ערשטער קונסט־אַלבום מיט 30 האָלץ־שניצערייען א.נ. „שטעטל" איז דערשינען אין ל.א. אין דעם יאָר 1947. זיינע וואונדערלעכע סקולפּטורן ווערן פאַרלאַנגט פון פאַרשיידענע באַוואוסטע קונסט־גאַלעריען און מוזעאומס צום אויסשטעל און ווערן באַוואונדערט פון אַלע קונסט־מבינים. זיינע געשטאַלטן דערמאָנען אונדז פון יידיש שטייגער־לעבן אין דער אַלטער היים. פאַר אונדזער דור איז עס זיכער אַ הייליקער אָנדענק פון יידישן שטעטל וואָס איז שוין, צום באַדויערן, מער נישטאָ.

אין דעם איצטיקן נייעם אַלבום וועלן אַריינגענומען ווערן די בייסטע קונסט־שאַפונגען פון בערל סאַטש, וואָס ער האָט במשך די לעצטע צען יאָר געשאַפן. ס׳וועט באמת זיין אַ צירונג אין הויז ביי די וואָס וועלן זיך דעם אַלבום פאַרשאַפן. מיט באַשטעלונגען פאַר דעם זעלטענעם קונסט־אַלבום, זיך ווענדן צום פינאַנץ סעקר. פון קאָמיטעט: ש. קארפמאַן, 648 נאָרט האַרפּער עוו., לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

# אונדזערע גרויסע אבידות

ווידער אַמאָל קומט אונדז אויס צו פאַרצייכענען די טרויעריקע ידיעות פון אונדזערע צער׳פולע אבידות. איינער נאָכן אַנדערן ווערן אומברחמנותדיק אַרויסגעריסן דעמבעס פון אונדזער יידיש־ליטעראַרישן וואַלד.

מיט טיפן צער דערמאָנען מיר דעם גרויסן פאַרלוסט פון דעם אייגנאַרטיקן,ביים פאָלק באַליבטן, פּאָעט — **א. לוצקי.**

דעם באַוואוסטן דיכטער, עסייאיסט און קריטיקער **נח שטיינבערג**, וועלכער איז לעצטנס ביי אונדז געוואָרן, דאָ, אַ חשובער תושב. און —

דער באַקאַנטער לירישער דיכטער **י. ה. ראַדאָשיצקי**, וועלכער איז נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט געשטאָרבען אין ניו־יאָרק, זונטיק דעם 10טן נאָוועמבער, 1957. זיין לעצט נייער בוך לידער "ווען בלעטער פאַלן", דערשינען אין 1957, האָבן מיר אָפּגעאָטירט אין לעצטן נומער „חשבון" — כבוד זייער לויטערן אָנדענק.

## נח פינקעלשטיין, ע"ה

מיט אַ שווער געמיט און טיפן צער דערמאָנען מיר אונדזער ליבן חבר און אידעאַליסט נ. פינקעלשטיין. צו די שרייבער, דאָ אין שטאָט, איז ער ניט געווען סתם אַ דרוקער, נייערט מיט ליבע און טרייקייט האָט ער זיך באַצויגן צו יעדער יידיש אויסגאַבע. דער רוב יידישע ביכער וואָס זיינען דערשינען אין ל.א. האָט ער זיך אַלס פאַכמאַן און אַספּיראַנט פון יידיש, מתעסק געווען. צום זשורנאַל „חשבון", וועלכן ער האָט געדרוקט, האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ באַזונדערער ליבע. די רעדאַקציע האָט אָן אים פאַרלוירן אַ ליבן פריינט און חבר.

כבוד זיין הייליקן אָנדענק. — רעד.

**אויפמערקזאַם!** באַנייט דעם אַבאָנימענט. וואַרט נישט מע זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. העלפט אויפהאַלטן די איינציק, יידיש־ליטעראַרישע שריפט אין לאָס אַנגעלעס.

## צוגעשיקטע ביכער

אבא גאָרדין: „ש. יאַנאָווסקי, זיין לעבן, קעמפן און שאַפן", ביאָגראַפיע אין פינף טיילן. אַרויסגעגעבן פון ש. יאַנאָווסקי אָנדענק־קאָמיטעט, ל.א.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי: „אַ שטוב מיט זיבן פענצטער", דערציילונגען, פאַרלאַג „מתנות, 1957. 288 ז"ז.

רפאל פעדערמאַן: „ביי די טייכן פון וואַרטע און איסט ריווער". אילוסטרירט פון נאַטע קאָזלאָווסקי. אַרויסגעגעבן פון מחבר, 275 א. בראָדוויי, נ.י., 1957.

חיים קוזנעץ: „אַ מענטש טראַכט" (עסייען), פאַרלאַג „מענטש", 1957. ברוקלין, נ.י., 223 ז"ז.

א. אלמי: „אין געראַנגל פון אידייען" (עסייען), אַרויסגעגעבן פון בוכגעמיינשאַפט ביי דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער געז., בוענאָס־איירעס, 1957. 226 ז"ז.

י. ל. כהן: „יידישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס", צונויפגענומען דורך מאַקס ווײַנרייך. אַרויסגעגעבן פון „ייווא", נ.י., 1957. 560 ז"ז.

שאול טשערניכאָווסקי: „לידער און אידיליעס", יידיש: י. י. שוואַרץ, מיט אַן עסיי פון יעקב פיכמאַן. אַרויסגעגעבן פון דער יידישער קהילה און שאול טשערניכאָווסקי קאָמיטעט פון קאַראַקאַס, ווענעזועלא. 1957. 172 ז"ז.

נח גאָלדבערג: „אויף צעוואָרפענע וועגן", אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט אין ל.א. פאַרלאַנג „ייד־בוך", בוענאָס איירעס, 1958. 256 ז"ז.

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„אונדזער האָריזאָנט", נומ. 2, „קינדער־צייטונג"; „אַרגענטינער ביימעלעך"; אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער", אַרגענטינע; „יונג ישראל", חיפה; „היי־מיש", רמת־גן, ישראל; „ווייטער", נומ. 19, נ.י.; „אויפסניי, נומ. 17, נ.י.; „קינדער זשורנאַל", פאַרלאַג „מתנות"; „זיין"; „אונדזער וועג", נ.י.; „אויפן וועג", נ.י. (מימעאָגראַפירט); „מעקסיקאַנער לעבן"; „די שטימע", מעקסיקע, בולעטין פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, נ. י., נומ. 13; „ליטעראַרישע העפטן", יולי און דעצעמבער 1957, טאַהאַנגאַ, קאַליפ.

### לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

יעדן שבת־צונאַכט — יידיש ליטעראַרישע אָוונטן, מוזיקאַלישע קאָנצערטן, געדענק־אָוונטן פון יידישע שרייבער און יום־טובים פייערונגען.

יעדן מאָנטיק אָוונט — איינלייטונגען און שמועסן איבער יידיש־געזעלשאַפט־לעכע און קולטור פּראָבלעמען. אַ צירקולירנדיקע ביבליאָטעק מיט די נייסטע ביכער, זשורנאַלן און צייטשריפטן. מ. ל. קאָפּעלאָף, סעקר.

4213 Monroe Street, Los Angeles, California

---

**דאַנק־זאָגונג**: צו די חברים שלמה צוקערמאַן, ל.א.; ה. גיסין, ברידשוואָטער, מאסס., פאַר זייערע ביישטייערן, און אויך די חברים וואָס האָבן באַנייט זייער אַבאָנימענט פאַרן „חשבון".

**For the best experience, open this PDF portfolio in Acrobat 9 or Adobe Reader 9, or later.**

Get Adobe Reader Now!